STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08604

NIT DERZOGT

Peretz Miransky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ מיראַנסקי

✶

ניט דערזאָגט

פרץ מיראַנסקי

ניט דערזאָגט

לידער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ״ג — 1983

Peretz Miransky
NIT DERZOGT
Lider

פרץ מיראַנסקי / ניט דערזאָגט

Copyright by P. Miransky
1, Meadowbrook Rd., Toronto, Canada

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14
I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1983
נדפס בישראל — תשמ״ג

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

ניט דערזאָגט

וואָס טו איך, טו איך, טו איך?
איך חלום אויף מײַן ציך.
אין אומרו רו איך, רו איך,
מיט ווערטער שפּיל איך זיך,

ווײַל תּמיד פֿאַנטאַזיר איך
אין מײַנע נעכט און טעג
און זיך אַליין פֿאַרפֿיר איך
אין בלאָנדזשען אָן אַ ברעג.

מסתּמא כ׳בין דער װעבער,
וואָס וועבט אויף טרוים מיט וואָר,
און אַלץ, וואָס איז אומזעבאַר,
ווילט זיך מיר מאַכן קלאָר.

און אַלץ, וואָס איז שוין ניכּר,
פֿאַרברויז איך מיט אַ שוים,
מסתּמא כ׳בין אַ שטריקער,
וואָס שטריקט אויף וואָר מיט טרוים.

איך שפּיזל זיי צוזאַמען —
דעם אמת מיטן מיט,
פֿאַרשלייפֿל זיי מיט גראַמען,
און ס׳ווערט דערפֿון אַ ליד.

און שפּעטער שטריק איך ווידער
אין נאַכט־שעהען ביז ס׳טאָגט,
ווײַל וואָס מען זאָגט אין לידער,
איז תּמיד ניט דערזאָגט...

אין שאָטן פון נעכטן

הייליק

הייליק, הייליק, צען מאָל הייליק
זײַנען זיי אין אונדזער צער,
זיי, וואָס ליגן אומצוטייליק,
אין טרעבלינקע און פּאָנאַר.

זיי, וואָס זײַנען אומגעקומען
אין רציחה און אין שפּאָט,
צערטלענדיק אויף זייער גומען
דעם פאַרשעמטן נאָמען — גאָט!

זיי, פאַרטיליקטע, אָן נעמען,
אין עינוים אַלערליי,
האַלט מען הײַנט אין איין פאַרשעמען,
אַז ווי רינדער זײַנען זיי

צו דעם טויט געגאַנגען ווילֿיק,
אויסגעשעפּטע, ביין און הויט,
ווי עס וואָלט ניט זײַן קיין חילוק,
וועלכער וועג עס פירט צום טויט.

וואָס הייסט לעבן אין דער געטאָ,
ווער פון דעם ווייסט הײַנט דעם טײַטש?
נעכט, מיט מתים אויסגעבעטע,
טעג אָן שײַן, אין פּײַן פאַרבײַטשט,

אויסגעשמירט אין בלוט און טרערן,
אינעם שאָטן פון דעם טויט,
האָט מען קינדערלעך געלערנט,
הילף געבראַכט צו די אין נויט.

און געטיילט זיך מיט דעם לעצטן,
ניט נאָר מיט די פרײַנד אין פּײַן,
און אין לעבן דעם פאַרהעצטן
מענטשן זיך באַמיט צו זײַן.

יעדער איינער האָט געגעבן
הילף און טרייסט אין טויטנטאָל,
ווײַל צו לעבן, איבערלעבן
איז געווען דער פּאַראָל...

וואָס הייסט אין דער געטאָ לעבן,
ווייסט ווער הײַנט דעם טײַטש פון דעם?
אַז דער שוואַרצער טויט דערנעבן
איז אַן אויסלייזונג געווען,

אַז אַ שטריק, צי סם אַ קאַפּל
האָט געמאַניעט און געשלעפּט,
דאָך האָט מען אין ווײ געצאַפּלט,
זיך געמאַטערט און געלעבט.

און דעריבער קום איך מעלדן
און דערקלערן יונג און אַלט,
אַז געלעבט האָט מען ווי העלדן
ניט נאָר, קעמפנדיק, אין וואַלד,

ווײַל אין געטאָ איבערקומען
בלויז איין טאָג אין צוואַנג און גוואַלד,
האָט געפאָדערט מער אמונה
ווי צו זײַן אַ יאָר אין וואַלד.

איז דעריבער לאָמיר בויגן
אונדזער קאָפּ פאַר זײ אין צער,
און מיט טרערן אין די אויגן
זיך דערמאָנען זייער גזר,

און ניט לאָזן אַבי ווער,
וואָס איז ניט געווען דאָרט,
זייער הייליקייט פאַרשעמען
מיט ניט אָפּגעהיטן וואָרט.

ווייס, אַז ניט נאָר מיט געווערן
קאָן מען לעבן ווי אַ העלד,
אויך אין שווייס, אין בלוט און טרערן
קאָן מען שטאַרבן ווי אַ העלד.

ווײַסע טויבן

ווײַסע טויבן זײַנען רויט געוואָרן,
אויסגעשאָכטן ליגן זיי.
העלע ליגן זיי אין מײַן זכּרון
ווי פֿאַרסמט פֿון מוכאָמאָרן.*
און די זון גייט אויף אין די קאַיאָרן
און דער הימל שפּאַלט זיך ניט אויף צוויי.

אָפּגעשווומען זײַנען פֿיר און דרײַסיק יאָרן —
גרינע יאָרן, יאָרן ווײַס ווי שניי.
אויך מײַן קאָפּ איז זילבערדיק געוואָרן,
ווי אַ יאָדלעבוים אין אַ זאַווייִ;
נאָר מײַן גוף איז אַלץ אַ שוואַרצער אָרון,
טויבן ליגן דאָרטן ווײַס ווי שניי.

טויטע טויבן, מײַנע ווײַסע שוועסטער,
אומגעבראַכט מיט מיתות אַלערליי,
הענגען אויף די אָפּגעברענטע נעסטער;
קאַלטע שטערן שײַנען איבער זיי.
שילט מײַן מויל מײַן קראַנקס און לעסטער!
אויסגעקוילעט האָט מען מײַנע שוועסטער,
און די וועלט פֿאַרגעסט אין אונדזער וויי.

שטויב האָט שוין די טריט מײַנע פֿאַרשאָטן,
אַש האָט גרוי מײַן קאָפּ געמאַכט.
חלומען זיך אַלץ מיר שטעכלדראָטן,
ווען איך מאַך די אויגן צו בײַ נאַכט.
שכנים לאַכן, דינע ליפּן שפּאָטן,
פֿון מײַן הויפּעלע, וואָס מ'האָט צעטראָטן,
פֿון מײַן ברודער, וואָס מ'האָט אומגעבראַכט.

גאָרניט האָב איך איצטער אין מײַן האַרצן,
פּוסט איז דאָרט ווי אין אַ חורבה, פּוסט!
בלויז מײַן מאַמע גייט דאָרט אום אין שוואַרצן,

---

* גיפֿטיקע שוואָמען.

ווי זי וואַלט אַרומגיין דאָרט געמוזט.
ווענט, פאַרקוילטע, אומעטיקע, שטאַרצן,
אײַנגעשטאָכענע ווי מעסערס אין מײַן האַרצן,
און מײַן מאַמע יאָמערט אין מײַן ברוסט.

ווענען זאָל איך עס דערציילן, וועמען,
אַז מען האָט פאַרגעסן שוין דעם פלאַם,
וואָס האָט אָפּגעסמאַליעט מײַנע ברעמען
און געלאָזט מיך לעבן, כ'זאָל מיך שעמען
פאַר די באַלד פאַרגעסענע שוין נעמען,
וואָס איך ליג מיט זיי ניט דאָרט צוזאַם

אײַנגעקנאָטן אין די קופעס ביינער
פון מײַן אַלטער היימשטאָט, אין דער מיט,
וואָס איך בין געבליבן לעבן איינער!
ווער האָט מיך פון חורבן אויסגעהיט,
איך זאָל זײַן דער מאָנער און באַוויינער,
ווען אין זאַטע שטיבער וויל שוין קיינער
ניט דערמאָנען זייער לעצטע ליד?..

עמעץ האָט אין מיר, ווי אין אַ לאַדיש,
אײַנגעוואָרצלט זייער לעצט געשריי,
עס זאָל שפּראָצן דאָרטן, בלא ידעיש,
איך זאָל ניט פאַרגעסן זייער וויי,
אַז איך זאָל אויף יידיש און קאַנאַדיש
תּמיד נאָך זיי זאָגן קדיש
ביז מײַן לעצטן אָטעם און פאַרגיי!

מערץ 1977.

שלאָפלאָז

מיך שרעקט די נאַכט
וואָס לאָזט ניט שלאָפן,
ווען ס׳כּפּלט זיך
די צײַט אויף צען,
ווען איך דערזע
די מטורפים,
וואָס כ׳האָב אין טאָגשײַן
ניט דערזען.

דער זייגער גייט,
די ווײַזערס קרײַזן
און רגעס קריכן
שעהענווײַז,
ווי וויאָרסטן שטייען
מײַנע גרײַזן
אויף אַלע וועגן,
וווּ איך שפּרײַז.

שוין טויזנט נעכט
ווי כ׳זוך דעם חלום,
וואָס פלעגט פאַרוויגן
מיך אַ מאָל,
איצט ליג איך וואַך,
און בלויז טײַוואָלים
צום בעט זיי קומען
אָן אַ צאָל.

זיי לאַכן פון מײַן
קידער־ווידער,
מײַן צווייפל וואַקסט,
ווי אַ כּל־בו,
און מײַנע בלאָנדע,
שטילע לידער,
זיי ווערן אין דער
נאַכט־שעה גרוי,

ניט גרוי ווי האָר
אויף קעפּ פון זקנים,
נאָר גרוי ווי אַש
און גרוי ווי שטויב
פון ווײַטן נעכטן,
וואָס כ׳באַוויין אים,
וואָס ליגט געשאָכטן
ווי אַ טויב.

מיך שרעקט די נאַכט,
וואָס לאָזט ניט שלאָפן,
איך האָב די נעכט,
ווי רוצחים, פּײַנט,
זיי האַלטן מײַנע
אויגן אָפן
און ווײַזן מיר
די מטורפים
אין דער אומווערדיקייט
פון הײַנט.

אַ ניגון

כ׳האָב אויסגעשוויגן
הייַנט אַ ניגון
און אויסגעקלאָרט
אַ צו שטיל וואָרט,

און מיט אַ חלום,
אַ ניט היגן,
האָב איך זיי ביידן
אויפגעפּאָרט.

איצט זשומט וואָס, ברומט וואָס
אין מייַן תּוכן
אַ צער, וואָס מאַטערט מיך
פון לאַנג.

עס קרייַזלט זיך אַרויף,
ווי רויכן,
צו הימלען בלויע
מייַן געזאַנג,

דער רויך איז אויך אַ טייל
פון ניגון,
וואָס ריזלט פון מייַן
אַלטער היים,

פון מאַמעס ליד וואָס פלעגט
פאַרוויגן
מייַן אומרו
בימים ההם.

הייַנט פּרוּוו איך זיך אַליין
פאַרשטילן
מייַן אומעט מיט
אַ ליד — אַ טרער,

פון אַלטער היים
עס זיַינען תּפילין
געבליבן בלויז —
און גאָרניט מער,

ניט טאַטע־מאַמע,
ברידער־שוועסטער,
בלויז שוואַרצע ווענט,
אין פלאַם פאַרגליט,

און טיף אין מיר,
אויף מיַין געניִדער
אַן עכאָ פון מיַין
מאַמעס ליד.

איך טראָג זיי אַלץ,
די אַלטע ווערטער
פון ייִדיש־קודש
אין געמיט,

און וואָס מער כ'זינג,
אַלץ מער פאַרטרערטער
אויף ליפּן זאַלציקט זיך
מיַין ליד.

אַ תּחינה

צו מיר איז געקומען מײַן מאַמעס אַ תּחינה,
אַזוי ווי אַ פּעדער פון נעסטן צעשטערטע,
און ס'ברומען אין מיר, ווי צעווימלטע בינען
אין חורובֿן בינשטאָק, פאַרגעסענע ווערטער:

— אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקבֿ,
אַ פויגל אַ מידער, קלאַפּ איך אין דײַן שויב אָן,
אָ, עפן אין שקיעה דײַן טונקעלן שלאַק אויף
און מאַניע אַרײַן דײַנע היימלאָזע טויבן.

מײַן טויבנשלאַק ליגט נאָך דער שׂרפה פאַרלאָשן,
פאַרשאָטן מיט האַרבסטיקע, געלע מעת־לעתן,
איך טראָג אין די ציין אַ געקוילעטס מײַן לשון,
דאָס לשון וואָס קינדער, אוי, מײַנע פאַרגעסן.

אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקבֿ!
אויף מיסט פוילן תּחינות, געשענדטע, פאַרברענטע,
איך עפן מיט ווונדיקע פינגער מײַן יאַק אויף
און לייג אויף דײַן דלאָניע מײַן האַרץ דאָס פאַרשעמטע.

עס רינט פון מײַן גוף אויס דער זוניקער האָניק
און ס'בלײַבט נאָר דער טרויער אין ליד און אין תּפילה.
ווער בין איך, אַ הייזעריק־אַלטע האַרמאָניק
אין הענט פון אַ שיכּור־צעהוליעטן שפּילער?

ווער דאַרף מײַנע לידער, ווער דאַרף מײַן נגינה
אין האַרטע גייעגן נאָך גאָלד און נגידות?
עס כליפּעט אין מיר נאָך מײַן מאַמעס אַ תּחינה
און ס'וויינט אין דער תּחינה מײַן לידערשפּראַך ייִדיש.

יאָרצײַטליכט פון טרויער

אין טרער מײַנער האָט זיך אַ ים דערטרונקען —
אַ ים פון בלוט און ביטערן געוויין,
דערפאַר זײַנען די טרערן מײַנע פונקען,
וואָס צינדן אונטער זיך אַליין.

איך טראָג אין זיך דעם ברען פון יענע פלאַמען,
וואָס האָבן אַלץ פאַרברענט אויף אַש;
די היימען, די משפחות און די שטאַמען
און מיך געלאָזט ווי אַ געפּלאַצטע פלאַש, —

אַ פלאַש מיט אַש, וואָס קאָן זיך ניט פאַרלעשן
און טראָגט אין זיך דעם אָפּשפּיגל פון אַלץ.
איך האָרך אין נעכט ווי מײַנע אַשן העשען,
ווי טרערן ווערן שטעכעדיק ווי זאַלץ.

איך בין דער טרויעריקער, אייביקער באַקלאָגער
פון אַלץ וואָס ס'האָט געטראָפן בימים ההם.
איך בין דער בלייכער, אומעטיקער קדיש־זאָגער
נאָך יעדנס טאַטע־מאַמע און נאָך יעדנס היים.

אין טרער מײַנער האָט זיך אַ ים דערטרונקען —
אַ ים פון בלוט, וואָס ריזלט אין פאַנאַר,
דערפאַר זײַנען די טרערן מײַנע פונקען,
וואָס צינדן אָן די יאָרצײַטליכט פון צער.

פופציק יאָר יונג־ווילנע

פופציק יאָר יונג־ווילנע, פופציק יאָר,
פול מיט אָפּגעהאַקטע צווײַגן און מיט קאַרבן.
ווער האָט אויפגעכאָוועט יענעם דור,
וואָס האָט זיך צעבלימלט פאַרן שטאַרבן?

פון די געסלעך שטויביקע, אָן ליכט,
פון די הייפלעך, קויטיקע און ענגע,
זײַנען זיי געקומען אומגעריכט —
אַזאַ יונגע און צעזונגענע שערענגע.

ווילנע האָט זיי אָנגעזאַפּט מיט זאַפּט
פון די עלטסטע און די טיפסטע קוואַלן
און מיט דער באַגײַסטערונג, וואָס שאַפט,
זײַנען זיי געקומען זייער ליד צעשאַלן.

יונגע, ווי אין פרילינגצײַט אַ בוים,
וואָס צעעפנט זײַנע ערשטע בלִיטן,
האָבן זיי צעשפּאָלטן זייער טרוים
פאַר אַ שפּעטערדיקער פרי אין זײַן מיטן.

ס'האָט די שטאָט געזומערט דאָן מיט שײַן
און מיט מאָרגנס זוניקע געוויכערט,
ווען יונג־ווילנע איז אין שרײַבערלאַנד אַרײַן
מיט די ערשטע ראשיתדיקע לידער־ביכער.

ווי אַ פאָן האָט זייער ערשט געזאַנג
זיך צעפלאַטערט, זיך צעווייט און זיך צעוויגלט,
נאָר פון מערב־זײַט האָט זיך אַ ברוינע שלאַנג
אויף אַ האַלבער וועלט אַרומגעוויקלט

און פאַרסמט די פעלקער מיט איר סם
און צעצונדן ייִדנשטעט, ווי סטויגן,
האַלב יונג־ווילנע האָט פאַרברענט דער ברוינער פלאַם,
און די רעשט איז, ווי די פייגל, זיך צעפלויגן.

נאָר עס האָט זיי נאָכגעיאָגט דער טויט
אויך אין וואַלד־געדיכטעניש פון ליטע,
און דאָס רויטע לאַנד, וואָס זיי האָבן געטרויט,
האָט אַ חלק אויך געהאַט אין שחיטה.

פופציק יאָר יונג־ווילנע, אַלט און מיד,
זײַנען פון דעם יונגן מנין דרײַ פאַרבליבן,
צו דערזינגען זייער ניט דערזונגען ליד,
צו דערשרײַבן וואָס זיי האָבן ניט דערשריבן.

קדיש־זאָגערס זײַנען מיר — די דרײַ,
זקנים שוין, פאַרמאַטערטע און גראָע.
יאָרן לייגן זיך אויף אונדזער קאַרק ווי בלײַ,
נאָר מיר טראָגן אַלץ אויף וועלטן די צוואה,

צו מחיה מתים זײַן דעם דור,
וואָס האָט זיך צעבלימלט פאַרן שטאַרבן.
פופציק יאָר יונג־ווילנע, פופציק יאָר!
ווער וועט אונדז, די דרײַ נשׂרפים, אַרבן?

קדיש

ניט קיין קבר, ניט קיין אַש,
ניט קיין מערקצייכן אַ בלייכער,
יתגדל ויתקדש !
זייער טרויעריקן זכר !

נסתּר, מאַרקיש, בערגעלסאָן,
האַלקין, פעפער און דאָברושין...
פון דער רויטער פרײַהייטספאָן
טריפט דאָס בלוט פון די אנוּסים.
ניט קיין קבר, ניט קיין אַש,
יתגדל ויתקדש !

אײַנגעשראָקן, אײַנגעגלויבט
אינעם חלום צוגעזאָגטן,
האָבן זיי געריכט, געלויבט,
זייער מערדער דעם געפּאַקטן...
ניט געראַטעוועט האָט זיי
זייער לויב און ווײַרעך־פלאַטער.
מיט עינוּיִם אַלערליי
האָט מען זיי צום טויט פאַרמאַטערט.
ניט קיין קבר, ניט קיין אַש.
יתגדל ויתקדש !

צוגענומען האָט מען זיי
אין אַ נאַכט פון גרויל און שרעקן,
און געבליבן אויפן שניי
זײַנען נאָר פון בלוט די פלעקן...

רויטע אותיות — שוואַרצע טריט :
אין אַ מערדערשפּראַך פאַרשריבן,
און אַ ניט פאַרענדיקט ליד
איז דאָרט, ליגנדיק, פאַרבליבן.

ניט קיין קבר, ניט קיין אַש,
יתגדל ויתקדש !

רויט

בלוט אויף שניי און שניי אויף בלוט
אויסגעמישט און אויסגעקנאָטן, —
שטייט דער הערשער מיט אַ קנוט
און אַהינטער אים זײַן שאָטן —
שרעק און נויט,
און די פענער ברענען רויט...

שטייט דער הערשער, און עס קניט
רונד אַרום אַ פאָלק אין צוואַנגען,
און די זון וואָס האָט געגליט,
איז אַ בלוטיקע פאַרגאַנגען,
ווי אַן אויסגעברענטער קנויט.
און די פענער ווייען רויט...

נאַכט, אַ שרעקעוודיקע נאַכט
נעמט אַרום די לעצטע גלויבערס,
דער, וואָס חלומט נאָך און טראַכט,
מוז אַ שטומער זײַן, אַ טויבער,
ניט געטרויט...
און די פענער גליִען רויט...

צווישן האַמער און דעם סערפּ
צאַנקט אויס ווי אַ ליכט דער אָטעם,
און צעטראָטן ליגט דער הערב
פון צען פעלקער, צוואַנציק שבטים
בײַ דעם פלויט,
און די פענער פלאַמען רויט.

פון די דעכער און די ווענט
שרײַט אַראָפּ די פּראָפּאַגאַנדע,
און דער אמת ליגט געשענדט,
אײַנגעטראָטן פון אַ באַנדע,
אײַנגעשמירט פון בלוט און קויט
און די פענער זײַנען רויט
פון שאַנדע.

בלויז אַ יונגער ייִד אָן שרעק
הייבט זײַן קול אויף צו צעוועקן
די אַנטרונענע פון העק,
זיי אַ חלום צו אַנטפּלעקן:
— זעט עס בלויט,
כאָטש די פּענער ברענען רויט.

זעט עס ברענען בלוטיק אויך
פון צעשאָסענע פּאָעטן
שטערנווערטער אין דער הויך
און זיי מאָנען, ניט זיי בעטן
נאָכן טויט,
ווו די פּענער ווייען רויט:

נײַן און צוואַנציק יאָרן קאָנען
ניט פֿאַרווישן אונדזער מאָרד
און מיר, שרײַבערס, מאָנען, מאָנען
צו אַנטפּלעקן אָט דאָס אָרט
ווו מיר ליגן אַלע טויט,
ווו די פּענער ברענען רויט.

ייִדן זאָלן קאָנען דאָרט
קומען יעדעס יאָר, ווי ברידער,
און אַרומצאַמען דאָס אָרט
מיט אַ בלויער צאַם פון לידער.
אַ נר־תּמיד, צי אַ קנויט
זאָל דאָרט ברענען קעגן טויט,
ווו די פּענער ברענען רויט...

אין לוביאַנקע

אין לוביאַנקע הענגען שאָטנס,
שוואַרצע שאָטנס מיד.
אין די צעלן ליגט צעטראָטן
זייער לעצטע ליד.

און עס שטעכן נאָך באַגנעטן
די נשמות פון פּאָעטן,
וואָס מען ווייסט ניט ווו
ס'ליגט באַהאַלטן און פאַרהוילן
זייער גוף, צעפּליקט פון קוילן,
אין דער לעצטער רו.

פיר און צוואַנציק יאָר פאַרלאָפן,
טרויעריקע יאָר,
אינעם קאַלטן שניי פון צפון
בלוטיקט נאָך אַ דור.

אין לוביאַנקע הענגען שאָטנס
אויף דער גרויער וואַנט,
זייער גוף ליגט איינגעטראָטן
ערגעץ ווו אין זאַמד.

ווי אַ ליכט האָט מען פאַרלאָשן
זייער ליד און זייער לשון.
זייער איבערבלייב
האַלטן בלוטיק־רויטע דלאָניעס
אָן באַדויער אָן רחמנות —
זייער קינד און ווייב.

לאַנד פון מאָרד און פּראָפּאַגאַנדע,
איך ווער רויט פון כּעס און שאַנדע,
וואָס איך האָב אַ מאָל
דיר געטרויט, געטריי געשוויגן
און געפרווּוט מיין ווײ פאַרוויגן
מיט דיין פאַלשן קול.

הײַנט ווען ס'מאָנען זייערע נעמען,
ס'מאָנט דאָס בלוט, וואָס רינט,
טו איך מיך ביז ווייטיק שעמען
מיט מײַן יוגנטזינד.

אײַנגעבראָכן, אײַנגעבויגן,
מאַך איך צו די פײַכטע אויגן
טרויעריק און ווײן:
אויף פאָעטן, מײַנע ברידער,
און אויף די פאַרשעמטע לידער
און אויף זיך אַליין.

ווערטערשאַף

אַ ליד צו זיך

זע, דײַן ליד זאָל האָבן חלום,
וועט דײַן חלום ווערן וואָר.
זע, דײַן ליד און די משלים
זאָלן ווי אַ קוואַל זײַן קלאָר.

זע, דײַן וואָרט, געפּײַלט פֿון רעיון,
זאָל אַ שותּף זײַן צום טרוים,
וועט דײַן שאַפֿן זיך באַנײַען
ווי אין פֿרילינגצײַט אַ בוים.

ווערטער זײַנען ניט קיין פּלעוועס,
גלאַט צעשאָטן אין זאַוויי,
ווערטער זײַנען ווײַסע מעוועס,
און זיי שוועבן אויך אַזוי

צווישן ים און צווישן הימל,
אויף די פֿליגלען שנייִיק בלאַנק,
און צעטראָגן ווי אַ סטימול
דײַן נאַטירלעכן געזאַנג.

יעדעס וואָרט מוז זײַן אַן אמת,
וואָס דו לעבסט אַליין אים אויס,
ניט קיין אויסגעפּוצטער רמז
און אַ פּויק־געפּייקל בלויז,

נאָר אַ שפּראָץ פֿון בלוט און טרערן,
אויסגעקוואָלט איז דײַן זײַן,
יעדער זאָל אין זיי דערהערן
אויך זײַן אייגן בלוט און פּײַן

און דערפֿילן אין דײַן שטרעבן
זייער אייגענעם פֿאַרלאַנג,
דאַן וועט זיך דײַן וואָרט פֿאַרוועבן
אינעם זײַד פֿון דײַן געזאַנג.

אַ ליד

אין דינע דממה דקות הער איך
דאָס אָנהויב־וואָרט אין מײַן געמיט,
און זילב נאָך זילב, אַזוי בערך,
פֿאַרקייטלט זיך אין מיר אַ ליד.

בראשיתדיק גייט אויף דאָס אַנען
אין ווירבל־ווייטיקן באַשאַף,
עס נעמט דער זין דאָס וואָרט באַמאַנען
ביז ווי אַ כּשופֿדיקער כּתב

פֿון שורות נעמט אין מיר שוין ברומען
און שוימען, ווי אין ווינט דער ים,
און דאַן איך קאָן שוין מער ניט שטומען,
און עס צעבליט זיך אויף מײַן גומען
אַ ליד פֿאַרשלייפֿלט מיט אַ גראַם.

אַלץ

אַלץ, וואָס קוועלט און קוואַלט אין מיר,
וויל וואָרט אויף ליפּן ווערן.
דער וויי, וואָס שרײַט געוואַלד אין מיר
דער שפּריי־פּאַרזיי פון טרערן,

די פרייד, וואָס לויכט אַרויס און גליט
אין מײַנע גרינע אויגן,
און אַלץ וואָס האָט קיין נאָמען ניט —
אַלץ יערט אין מיר ווי רויגן.

דער סוד, וואָס איך דערהאָרך אים קוים
און קאָן אים ניט דערבליקן,
ליגט אין מײַן שאָטן, ווי אַ זוים,
און בעט בײַ מיר אַ תּיקון.

דאָס אַלץ, וואָס ווירבלט אויף מײַן דנאָ,
פאַרנעפּלט אין טומאַנען,
וואָס איז אין לשון נאָך ניטאָ
און כ׳קאָן עס בלויז דעראַנען,

זיי מאָנען אין מיר טאָג און נאַכט,
זיי רופן מיך און וועקן,
איך זאָל זיי געבן שפּרוך און שפּראַך,
זיי פאַר דער וועלט אַנטפּלעקן.

רעיונות שפּראָצן, קוואַלן אָן,
זיי ווערן רײַף און פּלאַצן,
און ווערטער פון אַ יעדן טאָן
פאַרוואַנדלען זיך אין זאַצן,

און זאַץ מיט זאַץ באַהעפטן זיך,
פאַרקניפּן זיך צוזאַמען,
אַרויסגעשפּראָצטע פון מײַן איך,
באַבלימלטע מיט גראַמען.

נאָר טיף אין מיר פֿאַרבלײַבט נאָך אַלץ
דער סוד, וואָס וויל דערוועקן,
ער לעבט אין בלוט און אין דעם זאַלץ
וואָס ווײנט אין שפּריי פֿון טרערן.

מײַן דימיון פֿליט אַוועק פֿאָרויס
און פֿינקלט אין דער ווײַט שוין,
און מיר, מיר פֿעלן ווערטער אויס,
מײַן חלום צו פֿאַרטײַטשן.

טאַקע

טאַקע, טאַקע, טאַקע
טיקעט אין געמיט ;
אין אַ דממה דקה
פורעמט זיך אַ ליד.

ווערטער, ווערטער, ווערטער
ווערן אויפגעקלערט.
און אין זיך אַ פאַרהערטער,
הער איך ווי עס ווערט —

טראָף נאָך טראָף באַשאַפן
און צונויפגעקניפּט.

אַלע חושים גאַפן,
דער זכרון זיפּט

קלאַנגען, קלאַנגען, קלאַנגען...

בינד איך זיי צוזאַם
ווי אַ זשמעניע זאַנגען,
אין אַ גרייטן גראַם,

שטעל זיי אויס ווי גאַרבן
אין מײַן תבואה־פעלד,

און אין האַרבסט אין האַרבן,
הער איך ווי עס טרעלט

אַ געזאַנג אין האַרצן,
ציַיטיק און צעבלומט,

כאָטש מײַן דימיון וואָרט שוין
אויף דער נאַכט, וואָס קומט.

ווערטער

ווערטער דאַרף מען קלײַבן
בלענדיקע ווי בליצן,
ניט זיי צו פֿאַרשרײַבן
נאָר זיי צו פֿאַרקריצן,

ניט מיט בלויע בלײַערס,
ניט מיט טינט מיט שוואַרצער,
נאָר מיט ווײַסן פֿײַער
אינעם רויט פֿון האַרצן.

לידער דאַרף מען פּוצן
ביז זיי נעמען שײַנען,
אַז מען זאָל זיי נוצן
ווי געשמאַקע ווײַנען.

אַז די קלאַנגען, גראַמען
אין דעם זאַפֿט פֿון לידער,
זאָלן זיך צעטעמען
איבער אַלע גלידער.

דעמאָלט וועט אַ ניגון
קומען פֿון זכּרון
און אין פֿאַרגעניגן
מיטן וואָרט זיך פּאָרן

און פֿון הינטער ריפּן,
ווי אין ווינט די פֿלאַנצן,
וועט אַ ליד אויף ליפּן
זיך פֿון פֿרייד צעטאַנצן.

צו זיך

איידער דו ביסט דאָרשטיק, זוך דעם ברונעם,
איידער גיסט דעם ענטפער, שלײַף און שאַרף.
אַלע ניט געפונענע ניגונים
וואַרטן אין די סטרונעס פון אַ האַרף.

לערן דײַנע גרינע אויגן זוכן,
מיט די אויערן די וואַכע קלײַב
אַלע שפרייען פון דער שפראַך און שפרוכן,
שפּאָר, באַהאַלט זיי אין די קאַמערן פון לײַב.

ווייסט זיי דאַרפן, ווען די שעה וועט קומען,
פול מיט שפּאַנונג, ווי אַ קנאָספּ וואָס פּלאַצט,
און פון דײַנע פּאָרעס וועלן קומען
אויף דײַן גומען ווערטער פון דײַן שאַץ.

ווערטער אַלטע פון דײַן באָבעס אוצר,
ווערטער יונגע פון דײַן טיפער מיט,
ווען דײַן בענקשאַפט און דײַן שאַרפער בלוי־צער
וועלן זיך דערקלערן אין אַ ליד.

דו ביסט אויך אַ שווײַגעדיקע לירע,
סטרון־געזאַנגען נעמען דיך אַרום,
אינעם האַרצן פלאַטערט שוין אַ שירה,
נאָר די ליפּן, די עקשנים זיינען שטום.

וויפל זײַנען נאָך פאַרבליבן שעהען?
אײַל זיך גיכער, מאָרגן איז צו שפּעט.
לידער יונגע גלימערן אויף דנאָען
און אַ תּיקון מאָנען זיי, פּאָעט!

אונטער דער פען

אונטער דער פען ווערן ווערטער געשליפן,
אונטער דער פען ווערט דער חלום אָפּט וואָר.
לאָמיר זיי שעפּן, די ווערטער, פון טיפן,
זאָל זייער אמת און תּמימות פאַרבליפן,
ווי אַ צעצונדענע זון אין קאַיאָר.

וואָס זײַנען ווערטער אויב ניט די מלבושים
פון די מחשבות, וואָס שפּראָצן אין זין —
אמתע טײַטשווערטער, קלוגע פּירושים,
פאַר אַלע שטומע געפּילפּולע חושים,
ווי סטרונעס אין האַרצן פון אַ וויאָלין.

ווערטער, דער זיווּוג פון רייד און מחשבות,
קייטלען זיך אויף אין אַ גאָלדענער קייט,
בליִען זיי דופּטיק, ווי ביימער מאַיאָווע,
ווערן פאַרוואַנדלט אין מאַנדלען פון אָבות,
זיי זאָלן בלײַבן ווי קערנער אין בייט,

זיי זאָלן ווײַטער אין טעג נאָכן ווינטער,
אויפגיין און וואַקסן אין זוניקער שײַן.
ווערטער, געשעפּטע פון האַרץ און פון טינטער,
כ׳שלײַף אײַך און פײַל אײַך, מיט נאַכט אַ פאַרשפּינטער,
איר זאָלט מײַן זכר אין שפּעטערקייט זײַן.

ווער זאָגט מיר אונטער

ווער זאָגט מיר אונטער,
ווען איך שלאָף ניט:
— „דײַן לשון בונטער
האָט קיין סוף ניט!

דו שלייַף עס, לערן,
מאַך עס פײַנער,
און עס וועט ווערן
דײַן באַשײַנער".

אָ, ווערטער, ווערטער
אויף מײַן גומען,
ווי טוי פאַרטרערטע
רויטע בלומען,

פאַרוועלקט איר שטילע
אויף די ליפּן,
און כ'קאָן זיך ניט
מיט אײַך פאַרקניפּן.

מחשבות קומען
און פאַרגייען,
נאָר ווערטער שטומען,
ווי די שנייען,

געפאַלענע פון הימל קאַלטן,
און שטראַלן שטיל
אין מיר באַהאַלטן.

אָ, ווערטער, ווערטער,
אײַנגעשוויגן,
ווי זאָל איך אײַך
און זיך פאַרוויגן?

אַז כ׳הער אײַך שטומע
אין מיר כליפּען.
איר ווילט ניט קומען
אויף די ליפּן

פון זינגער, וואָס אין
בלוט און טרערן
האָט אײַך געטובלט
ריין צו ווערן.

כ׳האָב אײַך געשלײַפט
אין האַרץ און זינען,
איר זאָלט צעשײַנען
זיך באַגינען,

נאָר ווערטער ברומען
ברומען, ברומען,
און ליפּן שטומען,
ליפּן שטומען.

איך רייד צו זיך

איך רייד צו זיך, ווען כ'שרײַב
און טאַפּ די טענער, קלאַנגען,
איך זוך אין זיך און קלײַב
וואָס שווער איז צו דערלאַנגען.

מײַן לשון איז נאָך שטום
אין אַנונג בלויז און פּילונג,
עס ליגט נאָך ווי אַ בלום
אין ערשטן קנאָספּ פון פּרילינג.

איך רייד צו זיך, ווען כ'טראַכט
און נישטער מײַנע היילן,
איך וויל פון שאָלן אַכט
מײַן נסתּר־איך אויסשיילן,

און זיך פאַר זיך אַליין
אין נאַקעטקייט אַנטפּלעקן,
מײַן אייגענער געוויין
זאָל מיך ניט איבערשרעקן.

איך שווײַג צו זיך, ווען כ'פּיל
דעם שפּראָץ פון וואָרט אין טיפן,
ווען כ'האָב אין טריל פון שפּיל
זײַן ציל נאָך ניט באַגריפן,

איך וואַרט, ווי ס'וואַרט אַ ווינט,
אין טויען אויסגעצוואָגן,
דעם דופט פון וואָרט, וואָס גרינט,
אויף וועלטן צו צעטראָגן.

איך רייד צו זיך און רייד
און ווייס ניט אַלץ צו וועמען?
מײַן אייגענעם באַשייד
איז שווער מיר צו באַנעמען,

ווײַל טיף אין מײַן געביין,
באַהאַלטן און פאַרטראָטן
ליגט עפּעס ווי אַ שטיין
און לויערט ווי אַ שאָטן.

איך בין

כ׳בין מסתמא אַ ברוינע גיטאַרע
מיט פיר סטרונעס וואָס וואַרטן, פאַרשוויגן.
בלויז ווען ס׳רירן מיך אָן דײַנע פינגער,
גיט אַ ציטער אין האַרצן אַ ניגון,

נעמען פליסטערן, ציטערן טענער,
ווי אַ קוועלכל וואָס ריזלט אויף שטיינער,
און איך ווער אַ געפלאַטער פון פענער
אין אַ ווינט, וואָס ס׳פאַרשטייט אים ניט קיינער.

ווערטער זוך איך דעם ניגון צו טײַטשן,
נאָר עס פעלן די ליפן אויס ווערטער;
אָט־אָ ליגט אויף דער צונג דער באַדײַט שוין
נאָר עס קומט ניט דאָס וואָרט דאָס באַשערטע.

מיך צעברויזט בלויז דער צאַפּל פון קלאַנגען,
וועלכע ברומען אין האַרץ און אין זינען,
אין באַרוישונג פון שטומע געזאַנגען
זוך איך ווערטער, וואָס כ׳קאָן ניט געפינען.

כ׳בין מסתמא אַ ברוינע גיטאַרע
מיט צעווירבלטע סטרונעס פאַרשווערער —
קלאַנגען קלינגען אין מיר וווּנדערבאַרע,
נאָר עס פעלט מיר דאָס וואָרט — דער דערקלערער.

מאַנגעריש

ווי נעמט מען אַ ביסעלע חלום אין ליד
און גינציקע ווערטער אַ פּאָר?
די וואָר איז גרוי, די וואָר איז מיד
און אויך אַזוי מײַנע יאָר.

די שטערן קלינגען, ווי זילבערמינץ,
און פאַלן אַרײַן אין ים —
נאָר ניט פאַר מיר, פאַר אַ וואַסערפרינץ,
וואָס דאַרף זיי ניט מן־הסתּם...

דאָס וואַסער לעשט דעם שטערנשטויב
און ס'טוט מיר אַזוי באַנג.
די וועלט איז גרוי, די וועלט איז טויב,
זי הערט ניט מײַן געזאַנג.

ווי נעמט מען אַ ביסעלע חלום אין ליד
און עפּעס אַ גילדערנעם גראַם.
די וואָר איז גרוי, די וואָר איז מיד,
און שטערן פאַלן אין ים.

אַ פּרי

עס טאַנצט אַ ווינט אַ פרײלעכער אין סאָד —
אַ יונגער ווינט, פון יענע לײַכטע טיפן,
גענומען האָט ער ערשט פון טוי אַ באָד,
איז קושט ער ביימער מיט די פײַכטע ליפן.

די ביימער בייגן אײַן צעבליטע קעפ
און צווײַגן צאַפּלען ווי צעוועקטע גלידער.
אין רויטן מזרח האָט ווער אויסגעוועבט
אין בלויען טעפּיך שאַרלאַכענע לידער.

איך לייען זיי, די שאַרלאַכענע רייד,
עס נעמט אַרום מיך אַזאַ חידוש.
און כ'ווייס אַליין ניט ווי, פאַרחושטערהייט,
איך זעץ זיי איבער אין מײַן לשון־ייִדיש.

זינגען זאַנגען

זינגען זאַנגען, צווישן זאַנגען
קוקן בלויבלימלעך אויף שטאַנגען
ווי דורך ברעמען גאָלדיק סיווע,
קוקן אייגעלעך נאַיִווע.

ווינטלעך וויגן, ווינטלעך וויגן,
פּיַיפנדיק אַ גרינעם ניגון,
און אַ זון אין הימל קלאָרן
מאָלט מיט גינגאָלד אָפּ דעם קאָרן.

ווייכע וועלן, וואַקל־וועלן
וויגן אום דעם ים דעם געלן,
ווי זיי וואָלטן מיטן ניגון
זיך אַליין געוואָלט פאַרוויגן.

פייגל פליִען, פייגל פליִען
אום אין וועלט פון בלענד און בליִען,
און דער זון־פאַרברוינטער זומער
דרייט זיך אין אַ טאַנץ אַרום מיר.

איך אַליין, אַ זון־פאַרברוינטער,
ווער אַן עפּלבוים דערשטוינטער,
און אויף מיר ווי אין אַ מעשׂה,
בליִען עפּלבליטן וויַיסע.

ווערטער, ווערטער — קנאָספּן גרינע —
וויגן זיך אויף שורות רינה,
און ווי בינען, אינדערפריִען,
קומען גראַמען אָנצופליִען.

רויע זאַפטן פון די טיפן,
פון די וואָרצלען נעמען טריפן
דורך געוועבן און געבליטן
צו די בלעטער און די בליטן.

און אין זמרדיקע זאַפּטן,
אין אַ שאַפּונגברויז פֿאַרגאַפּטן
ווערן רייף אין זון און נעפּל
לידער ווײַניקע ווי עפּל.

מיטוואָך

מיטוואָך, דאָנערשטיק און פֿרײַטיק
ווערן מײַנע לידער צײַטיק,
שבת פֿאַלן זיי פֿון בוים.
זונטיק, אויב עס איז גאָטס רצון,
נעמען לידער ווידער שפּראָצן,
ווי די קערנער אין אַ גרוים.

מאָנטיק נעמט דער ווינט זיי שלײַפֿן,
דינסטיק נעמט די זון זיי רײַפֿן,
פֿילט זיי אָן מיט זאַפֿט און זוים.
מיטוואָך, דאָנערשטיק און פֿרײַטיק
ווערן מײַנע לידער צײַטיק,
שבת פֿאַלן זיי פֿון בוים.

אָט אַזוי, דאָס גאַנצע לעבן
טו איך מײַנע לידער וועבן,
ביז כ'וועל פֿאַלן מאַט און מיד,
און אַריבער מיר, אַזוי ווי
אַ געטעסעטע מצבה,
וועט פֿאַרבלײַבן שטיין מײַן ליד.

מיר פּאָעטן

אַן אַנונג מיט אַן אַנונג רעדט זיך איבער,
נאָר שווער איז צו געפינען דעם באַשייד.
אַן אָרעמער איז אונדזער מענטשן־דיבור,
ס'איז שווער אין אים צו טײַטשן אונדזער פיבער,
ווען ס'רעדט אַן אַנונג מיט אַ טרוים זיך איבער,
און ווערטער פעלן אויס בײַ אונדז אין רייד.

מיר זוכן און מיר נישטערן און גראָבן
אין חושים און געפילן, ווו עס העלט
דער בלויער חלום, וואָס מיר טראָגן און מיר האָבן
געירשנט פון אַ ווײַטער עלטער־באָבען,
וואָס האָט אין אונדז פאַרהוילן אירע גאָבן,
מיר זאָלן זיי אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט.

פּאָעטן

פאַר ווערמען זינגען הײַנט פּאָעטן
אין וועלט, וואָס קאָן זיי ניט פאַרשטיין ?
זיי זינגען אויף די פּאַראַפּעטן
פאַר זייער אייגענעם געוויין.

פון וואַנען נעמען זיי די ווערטער,
ווען זייער לשון ווערט פאַרשטומט ?
פון דעם זכּרון דעם פאַרטרערטן,
ווו זייער מאַמעס וויגליד ברומט.

און ווער וועט זייער שירה אַרבן
אין געלן, האַרבסטיקן פאַרגיי ?
ווײַזט אויס, דער ווינט, וואָס דרעשט פון גאַרבן
די קערנער אויס פאַר דעם פאַרזיי.

דו האָסט מיך פֿאַרפֿישופֿט

דו האָסט מיר געגעבן דעם כּישוף פֿון שאַפֿן, נאָר כ'שווײַג —
דעם כּישוף צו שאַפֿן די רייד וואָס פֿאַרגאַפֿן, נאָר כ'שווײַג.
דערפֿאַר עסט מיך אויף יענער זשאַווער פֿון שווײַגן דאָס האַרץ,
און ס'פֿאַלן די ווערטער, ווי בלעטער פֿון צווײַגן, פֿאַרשוואַרצט.

איך קאָן הײַנט ניט שעפּן פֿון האַרצן געזאַנגען, איך שווײַג!
מײַן וועלט איז אין סמען און פֿלאַמען פֿאַרגאַנגען, איך שווײַג!
מײַן לשון, וואָס פֿלעגט מיך מיט דורות פֿאַרקניפּן אַ מאָל,
פֿאַרוועלקט איצט אויף קינדערשע ליפּן ישׂראלס.

מײַן גאָט, בין איך טאַקע אַ ייִדישער לעצטער פּאָעט?
מײַן וואָרט אויף די ליפּן, פֿון טרערן פֿאַרנעצט, אין געבעט
וויינט אויס אַלע לידער די שטומע און ווייסט ניט ווהין,
ווי תּפֿילות, זיי שיקן צו קריגן אַ תּיקון און זין.

אַ דאַנק

אַ דאַנק דיר פאַרן אויפהעגנען אין מיַינע אויגן
דעם קרומען זיבנפאַרביקן מיראַזש פון רעגן־בויגן,
און פאַרן איַינריזלען אין בלוט דעם אומרו פון געוויטער.
מיַין חלום איז נאָך אַלץ פון שטערנפאַל אַ שפּליטער.

כ׳בין איינזאַם אין דער שטאָט, צעשיַינטער און צעררוישטער,
ווי איינזאַם ס׳איז אַ וואַנדערער אַנטוישטער,
וואָס האָט אין מדבר־זאַמדיקייט געפונען
אַן אויסגעטריקנטן זיַין לאַנג געזוכטן ברונעם.

מיַין מאַמע־לשון טריקנט אויף מיַין גומען,
כאָטש ווערטער שליַיף איך אַלץ נאָך ווי בריליאַנטן,
כאָטש כ׳ווייס אַז ס׳וועלן מער צוריק ניט קומען
פון מיַין קאַפּעליע די פאַרברענטע מוזיקאַנטן.

מסתּמא איז באַשערט מיר זיַין דער זינגער,
וואָס גייט אַרום אויף זיַינע שפּיצן־פינגער
און זוכט אַ יונגינק בחורל אַ היגן,
וואָס זאָל אין מאָרגנס ירשנען מיַין ניגון.

נאָר כ׳זע נאָר גרויע קעפּ און אויגן אויסגעלאָשן
און אויף די ליפּן מאָנט מיַין מאַמע־לשון.

איך ווייס אַז מאָרגן פרי באַגינען
וועט שניי־תּכריכים אָנהייבן צו שפּינען
דער קאַלטער ווינטער פאַר מיַין אַלטן ניגון,
נאָר כ׳האַלט נאָך אַלץ אין איין פאַרוויגן

דאָס וויַיסע ציגעלע פון מיַינע גראַמען,
עס מעקעט ליבלעך נאָך מיט טויזנט טעמען.

איך בין נאָך אַלץ אַ יינגל, כאָטש מיט גרויע שלייפן,
וואָס קאָן ניט עלטער ווערן בשום אופן.
איך זינג ביז היַינט נאָך מיט רמזים און סימבאָלן
דאָס אַלטע ליד פון הייליקע אַמאָלן.

פאַר וועמען צערטל איך די ווערטער די אינטימע ?
און ווער דערהערט אין גאַסנרויש מײַן שטימע ?
עס ווערן טרויעריקער, מידער און פאַרבענקטער
די לעצטע טעג מײַנע, ווי האַרבסטבלעטער געשענקטע.

ס'ווערט שווערער אַלץ דאָס אַלטע האַרץ צו נאַרן
מיט ווערטער יונגע, גלויביקע, וואָס דאַרן.
כאָטש ס'ריזלען נאָך אין מיר, ווי טיפע קוואַלן
פון שטערן אויסגעלאָשענע די שטראַלן,
און ווערטער האַלב פאַרגעסענע, וואָס מאָנען,
און פנימער, וואָס כ'קאָן שוין ניט דערקאָנען.

איך וויל ניט זײַן...

אָ, גאָט, איך וויל ניט זײַן קיין פּאָפּוגײַ
און נאָכזאָגן דעם חכמס פֿלאַפּלערײַ,
כ'וויל שרײַען ווי אַ וואָלף בײַ נאַכט אין שניי
און אויפוועקן דעם וואַלד מיט מײַן געשריי.

דער וואַלד איז פֿול מיט שווײַגן און מיט שרעק,
דערווינטער האָט זײַן העל־גרין לײַב פֿאַרדעקט,
און אין די שאָטנס זײַנע לויערט בלוטיק־רויט,
דער הונגער און די מורא פֿאַרן טויט.

איך וויל ניט זײַן דער יעגער, ניט די ביקס,
אויך ניט דער הירש. כ'וויל זײַן אַ שטיל געוויקס,
וואָס חלומט אין דעם זילבערדיקן פֿליין
פֿון פֿרילינג, וואָס וועט קומען ווען צוגיין.

כ׳האָב אויפגעהערט...

כ׳האָב אויפגעהערט צו טראַכטן, אויפגעהערט.
איצט שטיי איך אין פאַרנאַכטן, ווי אַ פערד
וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געאַקערט ערד אין זוד...
און שטייט אין אָוונט־פלאַקער איצט און רוט.

עס גליִען וואָלקנס, כמאַרעס איבער מיר,
פונקט ווי דער אָפשיין פון פאָנאַר־אַש אין מײַן פריר,
כ׳האָב אויפגעהערט צו טראַכטן, ניט געדאַכט,
און כ׳וואַרט אין די פאַרנאַכטן אויף דער נאַכט...

שקיעה־בלוט

אַ תּפילה

שקיעה־בלוט, זון, וואָס שטאַרבסט,
צינד אָן מײַנע טרערן!
כ'זאָל אין טויבע נעכט פֿון האַרבסט
אויך דערזען די שטערן.

כ'וויל אַז זייער ווײַטע שײַן
זאָל אין מיר פֿאַרבלײַבן
און מײַן ליכט זיי זאָלן זײַן,
ווען כ'וועל ווערטער קלײַבן.

קרויזן גראָע, זילבערווײַס,
פֿון מײַן לעבן רײַפֿן,
גיט מיר כּוח, גיט מיר פֿלײַס,
איך זאָל קאָנען שלײַפֿן

אַלע ווערטער וואָס כ'פֿאַרמאָג
אין מײַן פֿרייד און פּײַנען,
אַז זיי זאָלן טאָג נאָך טאָג
זיך ווי ליכט צעשײַנען.

וואַכע נעכט, לאַנגע נעכט,
גיט מיר זין און כּוח,
אַז אין שטענדיקן געפֿעכט
פֿון מײַן האַרץ און מוח

זאָל איך זײַן גערעכט און עכט,
ווי אַ קוואַל אין רויערד,
אַז דער צאָרן, וואָס צעברעכט,
זאָל אויך זײַן מײַן בויער.

ס'האָט דער גורל מיר באַשערט
זײַן אַ ליד אַצינדער,
וואָס זײַן קול ווערט ניט דערהערט
פֿון די יונגע קינדער.

גורל מײַנער, גיב מיר קראַפט,
ווילן און ירגזון,
אַז דאָס וואָרט, וואָס שעפּט און שאַפט,
זאָל מיך ניט פאַרלאָזן,

איך זאָל קאָנען ביז מײַן ענד
זײַן דער זינגער טרײַער
פון דעם פלאַם, וואָס האָט פאַרלענדט,
און פון זריחה נײַער...

פאָלק, מײַן פאָלק, דערהער מײַן קול,
דאָס פאַרטרערטע ממש!
זע, מײַן שפּראַך ניט ווערן זאָל
אויכעט אַן אַרמיש,

נאָר אַ קדיש נאָכן טויט,
נאָר אַ תּלמוד־לשון,
זע, אַז יידיש זאָל זײַן ברויט,
אויף דײַן פעלד געדראָשן,

ווײַל דײַן מאַמע־לשון האָט
אַלע דײַנע אותיות,
אין דײַן לאַנגן גלות־טראָט
פון דײַן וועג, וואָס גרויס איז,

אײַנגעקריצט ווי גאָלד אין קוואַרץ
און עס פאַרנשמהט,
אַז זיי זאָלן אין דײַן האַרץ
ליכטיקן אויף תּמיד.

וואָס זינגט אין מיר?

וואָס זינגט אין מיר און וויל אַרויס,
וואָס וויינט אין טיף פון מײַנע דנאָען?
עס בליט אין מיר אַ ווילדע רויז,
וואָס שמעקט און שטעכט זיך ביז שיגעון.

כ'בין ווי אַ ברוינער מילגרוים, פול
מיט רויטע, געלע קינדער־ווידערס,
זיי טעמפן אָפּ און מאַכן דול
די ווערטערשײַן פון מײַנע לידער.

פאַר וואָס בין איך אַזאַ מין מענטש,
וואָס איז אויף העלפטן צוויי צעשפּאָלטן?
די ערשטע איז פון גאָט געבענטשט
פון שׂטן צווייטע איז פאַרשאָלטן.

און ס'האַרץ, אין מיטן, ווייסט ניט ווו,
צו וועמען זיך צו קערן, ווענדן;
בײַ טאָג שענקט אים די זונליכט רו,
בײַ נאַכט טוט אים דער שאָטן שענדן.

און ס'רוישט אין מיר דאָס בלוט נאָך ווילד,
צעשטורעמט ווי אַ ווינט אין צווײַגן...
מײַן צונג די רויטע שרײַט און בילט,
ווען מײַנע ליפּן ווילן שווײַגן.

די ווערטער, ווערטער אויף מײַן דנאָ,
זיי זשומען, ווי אַ בינשטאָק בינען.
און קומט אַ שעפערישע שעה,
דאַרף איך זיי זוכן צו געפינען.

געפין איך שוין אַ וואָרט וואָס פּאַסט
דער שטימונג מײַנער, דער אינטימער,
איז ווען עס ווערט שוין אײַנגעפּאַסט,
נעמט ניט געפעלן מיר זײַן שימער...

פאַר וואָס בין איך אַזאַ מין מענטש,
וואָס איז אויף העלפטן צוויי צעשפּאָלטן ?
די ערשטע איז פון גאָט געבענטשט,
די צווייטע איז פון אים פאַרשאָלטן.

צו אַ חבר

יוסף קליגמאַנען

חבר ליבער, פרײַנד מײַן גרויער,
קום צו גיין, זיי מײַן פאַרטרויער!
לידער שרײַב איך איצט מיט טרערן,
וויל איך זאָלסט זיי קומען הערן.

פון דעם יונג־דור רעדט שוין קיינער
ניט זײַן מאַמע־לשון ייִדיש,
און פון זקנים — אפשר איינער
ווייס נאָך עפּעס וואָס אַ ליד איז?

כ׳האָב נאָך אויף מײַן מויל די טעמען
פון מײַן זיסן מאַמע־לשון,
און אין האַרצן קלינגען גראַמען
עכט ווי גינגאָלדענע בראָשן.

לידער מאָנען אין שופלאָדן,
און ניטאָ זײַנען קיין לייענער.
אין די נעכט מיט ווײ באַלאָדן
לעז איך זיי פאַר זיך אַליין נאָר.

פרײַנד מײַן גרויער, חבר ליבער,
היפּער ניט מײַן הויז אַריבער,
אין מײַן אָוונט אומעטיקן
וואַרטן לידער אויף אַ תּיקון.

ביסט נאָך איינער, וואָס קאָן שאַצן,
ווייסט וואָס ליד און גראַמען זײַנען;
מיר וועט ס׳האַרץ מסתּמא פּלאַצן,
אַ פאַרשטאָכנס פול מיט פּײַנען.

וויפל לידער וועלן דאָרטן
שטיל פאַרוועלקן אויף די בײַטן,
ווי טוליפּאַנען אין אַ גאָרטן
אין אַ האַרבסטטאָג אַ פאַרשנייטן.

ס'הייבט זיך ניט די האַנט צו שרײַבן,
ווען די ליפּן פרעגן פראַגן.
קום צו גיין מײַן צער פאַרטרײַבן
וועל איך ווערן דײַן מנגן.

כ'טראָג אין האַרצן נאָך אַן אוצר
פון ניט אויסגעפּאָלירטע ווערטער,
און אין אָוונט מאָנט מײַן בלוי־צער
ווי אַ פּלייט, אַ ניט דערהערטע.

חבר ליבער, חבר גרויער,
עפן אויף פאַר מיר דײַן אויער!
לידער שרײַב איך שוין מיט טרערן,
וויפל קען איך נאָך געווערן?

אָ, ביטער

אָ, ביטער איז דעם זינגער,
וואָס ווערט שוין גרוי און מיד
צו זען אויף שטומע צינגער
זײַן אומעטיקע ליד,

וואָס שווער איז אים פאַרוויגן
מיט טרײַסטווערטער אַ פּאָר,
און אויך ניט מיטן ליגן,
אולי, איבער אַ יאָר !

אָ, ביטער איז דעם סופר,
וואָס טראָגט זײַן וואָרט אַרום,
און ס'איז ניטאָ קיין קויפער
אין אייגענעם אַרום.

און ביטערע מחשבות,
פון דאַנען און פון העט,
זיי קומען, פונקט ווי סאָוועס,
צו פליִען צו זײַן בעט

און פּיקן, פּיקן, פּיקן
מיט שאַרפע שנאָבלען בייז,
זיי פאָדערן אַ תיקון
און קליאַנטשען זיך אַ טרייסט.

איז וואָס זאָל ער זיי זאָגן,
אַז יעדער רעיון ווייסט :
עס טרײַבט אים ווי וואַן גאָגן
אַ משוגעת, וואָס הייסט

אים זוכן, מאָלן, מאָלן
אין יעטווידער אַקאָרד,
אין פאַרבן און סימבאָלן
דאָס זינגעוודיקע וואָרט

צו זוכן קלאַנגען, גראַמען
פון אָוונט ביז קאַיאָר
די לידער צו באַטעמען
מיט חלום און מיט וואָר,

ווײַל עפּעס אין זײַן מקור
פון אָוונט ביז פאַרטאָג
זיצט אַ געהיימער טאָקער
וואָס שלײַפט, פּאָלירט און טאָקט

זײַן מאַמע־לשון ייִדיש,
כּל זמן ס׳איז אים באַשערט,
און הייסט אים מאַכן קידוש
אויף יעדעס ליד וואָס ווערט.

פלאַטער ליד מײַנס

פלאַטער ליד מײַנס, פלאַטער, פליטער
שרעקעװדיקער, ציטערדיקער,
ס'נעמט אין האַנט דיך אַ געניטער
קריטיק־אַנאַליטיקער.

ער אין דיר װעט זוכן עיקר
הינטערמײנען, שלמותן
און װעט דיך, מײַן לעבעדיקע,
בדקענען און פּאַלמעסן.

גאָט ! דו האַר פון אַלע זאַכן
און פּאָעטן אַליקע,
זע, דער בדקן זאָל ניט מאַכן
ס'ליד מײַנס פאַר אַ קאַליקע.

זי איז פול מיט זאַלץ און פעפער,
קומט פון מײַנע קעלערן
און איז אױך, װי איר באַשעפער.
פול מיט גוטס און פעלערן.

נאָר זי האָט אױך ציטער־טענער,
עכאָס װיי אָנצאָליקע,
און די בריָען פון פאַרברענער
אין די טעג אַמאָליקע,

און זי װײיטיקט װי איר לשון
אין די טעג ירידישע,
װאָס פאַרשטומט און װערט פאַרלאָשן
אויף די ליפּן ייִדישע.

גאָט, דו האַר פון אַלע װעלטן
און פון לײַט יחידישע,
הערסט דאָך אױס אַזױ שױן זעלטן
מײַנע לידער ייִדישע.

דאַרפסט דאָך ניט קיין איבערזעצער,
ווי דײַן פאָלק דאָס טראַגישע,
כ'טראָג אַרום אויף מערק און פלעצער
מײַנע ווערטער מאַגישע,

נאָר ס'פאַרשטייען שוין ניט ייִדן
זייער לשון ייִדישן
און אויך זייער זינגער מידן
אין צווישן רעש נגידישן.

כ'גיי אַרום אין צער מיט טרערן,
חלום מער און פאַרעם מער,
און איך זע ווי ס'ווערן ייִדן
אָרעמער און אָרעמער.

איך מאָל

איך מאָל מיט ווערטער, ווי מיט פאַרבן,
גלוט פון שקיעות, גאָלד פון גאַרבן,
גרין פון וועלדער, בלוי פון ימען
און פאַררעמל עס אין גראַמען.

כ׳נעם די ווײַסקייט פון פאַפּירן
און פאַרשרײַב זיי מיט קאָלירן,
מענטשן זאָלן עס דערבליקן
און געפינען זייער תּיקון.

ס׳בויערן אין מיר מחשבות,
ווערטער פלאַטערן ווי סאָוועס,
איך, ווי אַלע מענטשן־קינדער,
בלאָנדזשע אום אין נאַכט, אין בלינדער.

כ׳גיי אַרום און קלײַב די שטערן,
וועלכע פאַלן פון די ספערן,
כ׳וואַש זיי אָפּ מיט מײַנע טרערן
און איך בעט: זאָל ליכטיק ווערן!

מײַן טאַטנס ליד

מײַן זעונג דאַרף קיין טרויב נאָך ניט,
עס איז מײַן האַרץ איר הילכער.
איעדער דמיון, וואָס זי היט,
איז פֿאַר מײַן חלום בילכער.

די וואָר איז גראָ און קאַלט ווי אַש
געבליבן נאָכן פֿײַער,
און איך אַליין בין דער בר־נש,
וואָס שניצט זיך ווי אַ בלײַער.

מײַן חלום דאַרף קיין בריל נאָך ניט,
ער זעט נאָך גוט אָןברילן,
ער איז די קאַנווע פֿון מײַן ליד,
וואָס ס'וועבן די געפֿילן.

און כאָטש עס האָבן מיך די טריט
אַוועקגעפֿירט פֿון ליטע,
ברומט אַלץ מײַן טאַטנס וואָרט אין מיר,
פֿון פֿײַער אַ פֿאַרהיטער.

מײַן תּהילים איצטער איז דאָס ליד,
וואָס כ'האָב פֿון היים געירשנט,
זי בליט און גליט אין מײַן געמיט,
ווי ווײַסער צוויט פֿון קאַרשן.

און ווען כ'וועל פֿאַלן בײַ אַ טיר
אין סוף פֿון מײַן פֿאַרגייען,
וועט זי זיך שטעלן איבער מיר
און ווערן מײַן מצבה.

ברום אַ ניגון

ברום, מײַן האַרץ, אַ שטומען ניגון,
ברום אַ ניגונדל אָן ווערטער.
כ׳האָב אַ חלום אויסגעשוויגן,
איז זײַן אָנבליק אַ פּאַרטרעטער.

טרערן הענגען, ווי קאַרעלן,
אויף די ציטעריקע וויִעס,
און אין זיי, ווי אין געמעלן,
ברענען מײַנע לעצטע שקיעות...

איך

איך קאָן דערהערן
ווי די שטילקייט רוישט,
ווי וועלטן ווערן
און ווי עס ברויזט
אין ספערן
די ווײַסע שײַן פון שטערן.

איך דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן,
דעם קאָפּ אַ ביסעלע פאַרבויגן
און אָנשפּיצן דעם אויער שאַרף,
און כ׳קאָן דערהערן
ווי דער רעגן־בויגן
צימבלט אויף זײַן האַרף...

חלום־שפּראָצן

חלום־שפּראָצן, חלום־שפּראָצן,
ווערטער גרינע פון מײַן ליד
גייען אויף בײַ נאַכט און גלאָצן
אויף דעם בייט פון מײַן געמיט.

די מחשבה ליגט אין טיפן,
אַ פּאַרזייטע אין דעם בייט,
נאָר דאָס וואָרט ווערט שוין געשליפן
פאַר דעם קומענדיקן קווייט.

דאָס וואָרט

שענק אַ קרישקע ליכט דעם בלינדן,
שענק דעם ווינט אַן אָפּרואָרט ;
מיר, אין מײַנע ווײ און ווינדן
שענק דאָס וואָרט.

אַלץ האָסטו געגעבן נעמען
אויף די בערג און אויפן פלאַך,
נאָר אָט דאָס וואָס טוט מיך קלעמען
האָט קיין שפּראַך.

ס׳מאַטערן מיך סודות, אַנען
פון אַ יעדן סאָרט ;
אויב ס׳איז זייער טײַטש פאַראַנען
שענק מיר, גאָט, דאָס וואָרט !

ס׳רעגט מיך אויף דער ווײ דער שטומער
פון אַ בלינדער ליד.
כ׳בין דער בוים פון ענדע זומער,
וואָס דער האַרבסט צעגליט.

ווערטער פאַלן, ווי די בלעטער,
וואָס דער ווינט צעטראָגט ;
עפּעס זאָגט ער, עפּעס רעדט ער...
דער ניט וויסן נאָגט.

ס׳רוישן אין מיר בלייכע טרוימען
הינטער אַ טומאַן,
ווי די כוואַליעס, וועלכע שוימען
אין אַן אָקעאַן...

האָסט דעם ווינט געלערנט ריידן,
לערן מיך פאַרשטיין ;
אין אַ ליד וויל איך באַשיידן
נאָר דער וועלטס געוויין.

ס׳מאַטערן מיך סודות, אַנען
פון אַ יעדן סאָרט.
אויב ס׳איז זייער טײַטש פאַראַנען
שענק מיר, גאָט, דאָס וואָרט !

אַלץ איז ייִדיש

אַלץ איז ייִדיש,
יעדער וואָרט, וואָס שאַפט,
מײַן זיידנס קידוש
אויף מײַן באָבעס בעכער זאַפט
מײַן טאַטנס תּפֿילין־זעקל,
פון מײַן מאַמען אויסגעהאַפט,
דער גרויסער חידוש,
וואָס פאַרלעשט זיך ניט
און גליט —
אָט דאָס איז ייִדיש,
דאָס לשון פון מײַן ליד.

די ווערטער ברומען,
ווי טײַבעלעך אין נעסט,
און גראַמען קומען
צו מיר ווי יום־טוב־געסט,
און ווען אין זינען
ווערט בלוי ווי אין געמיט,
דאַן נעמט זיך שפּינען
אין מיר מײַן ייִדיש ליד.

ווי דעם פּרוכת,
מיט גאָלדפעדעם פאַרוועבט,
און ווו די הויך איז
מיט וואָלקנדלעך באַלעבט,

אַזוי־אָ ליב איך
איעדער שעה אין טאָג,
און ייִדיש גיב איך
אין האַרצן וואָס איך טראָג:

מײַן טאַטנס ניגון
און מײַן שוועסטערס בונדיש ליד,
זײ אַלע ליגן
פֿאַרהיט אין מײַן געמיט,
מײַן מאַמעס בענטשליכט
און מײַן ברודערס הויראַטאַנץ
דאָס איז די מענטשליכט,
וועלכע לויכט אין מיר און גלאַנצט,

לחיים!

פליִען קאָן איך, שטייענדיק אויף דר'ערד,
זען איך קאָן מיט צוגעמאַכטע אויגן.
כ'האָב אַפילו אין אַ פרי דערהערט,
ווו עס זינגט אַ יונגער רעגן־בויגן.

נאָר ווינד איז מיר אין יעדער זאַך וואָס כ'קאָן,
און ווי איז מיר אין מײַן געזאַנג אויף ייִדיש,
די ווערטער מײַנע בליִען רויט ווי מאָן
און כ'האָב ניט וועם צו שענקען מײַן נגידות.

צו האָרכן קומען מיך בלויז ווײַסע קעפּ,
שוואַרצקעפּיקע פאַרשטייען ניט מײַן לשון.
חלומות טועו אָן זיך שוואַרצן קרעפּ,
ווען אַלטע דיכטערס ווערן אויסגעלשן.

אוי, ייִדיש, מײַן עשירות און מײַן גוטס!
איך האָב אַ לעבן דיך געלײַטערט און געשליפן,
דו ביסט געווען מײַן שיינקייט און מײַן פּוץ
און ביסט נאָך אַלץ דאָס ליכט אין מײַנע טיפן.

פאַר וועמען זינג איך דיך, פאַר וועם?
פאַר וועמען רים איך דיך אַזוי, מײַן דושע?
די טרערנפערל אויף מײַן וויִעברעם
פאַר וועמען וועל איך לאָזן אַ ירושה?

די בלוטקאַרעלן — רויטע פונקען בלוט,
פאַר וועמענס ווײַסן האַלדז זאָל איך זיי לאָזן?
די זון זיך שמעלצט אין אייגענעם איר גלוט
און ס'וועלקן אומעטיק אָן זון אָפּ די מימאָזן.

און איך אַליין, איך אײַל מיך, יאָג מיך צו,
ס'וועט קומען באַלד אַ זילבערנער דער ווינטער,
און איך האָב מורא, אַז די קאַלטע רו
פאַרפרוירן וועט דעם קוואַל, וואָס אין מיר רינט ער.

איך זיץ און שרײַב און הינטער מיר מײַן צער,
ער לאַכט פון מיר מיט ווערטער וואָס פאַרשעמען:
וואָס אײַלסטו זיך אַזוי, דו אַלטער נאַר?!
פאַר ועמען שמעלצסטו אויס דײַן האַרץ, פאַר וועמען?

פאַר וועמען? כ׳פרעג אַליין די קשיא אָפט,
און כ׳ענטפער: „פאַרן בלײַענדיקן בעזבוים״...
אין ווינטערצײַט פאַרפרירט די ערד, זי שלאָפט,
נאָר פרילינג שטייט זי אויף צום גרויסן חשבון,

צום חשבון, וואָס דער ווינטער האָט פאַרשנייט.
און ס׳וועקט דער פרילינג אים צום אויפשפּראָץ ווידער,
מען זעט זיי שוין, די גרעזלעך אויף דער בייט
די יורשים פון פאַרוועלקטע לידער.

איז וואָס אַז כ׳בין שוין אַלט און ס׳איז שוין שפּעט,
אַז ס׳הערט מיך ניט דער גאַסיקער האַרמידער?
אין פרילינג וועט אַ רויזיקער פּאָעט
אַרויסשפּראָצן פון מײַנע אַלטע לידער,

דאַן וועט מײַן נאָמען ווידער ווערן יונג,
אין יענעמס לידער וועל איך זיך באַנײַען.
און ווי אויף אַלטן ווײַן — אַ גוטן טרונק
וועט מען אויף לידער מײַנע טרינקען צו לחיים!

שאַפּערס

דרײַ שרײַבערס

דרײַ שרײַבערס, דרײַ ליכטיקע שטערן,
די קלײַבערס פון אונדזערע טרערן.

דער ערשטער גענומען האָט טרערן
און טינט פון די טרערן געמאַכט
און האָט אונדזער גורל דעם שווערן
פאַרגליכן צו חושך און נאַכט.

ער האָט אונדזער גורל געמאָלן אין שוואַרצן
פאַרשריבן מיט סאַזשע־מאַסקאַראַ און טוש.
ווײַל ער האָט געטראָגן אין האַרצן
די ליבשאַפט צו אונדז, ווי אַ קוש.

ער האָט אונדז געוואָלט פון דער פינצטער,
דערפירן צו ליכט אין דער וועלט,
אַז יעדער, דער קלענסטער און מינדסטער,
דערזען זאָל אַ לעבן וואָס העלט,

און אויפהערן גיין אַ פאַרשפּאַנטער
אין יאָך מיט אַ צוים אין די ציין
בײַ גבירים, תּקיפים באַקאַנטע
און אויך בײַ דער תּורה אַליין.

נו, האָט ער, דער בעל־השׂכּלה,
די קליאַטשע אין וואָגן פאַרשפּאַנט,
פאַררוקט אינעם גאַרטל די פּאָלעס,
אַ בײַטשל גענומען אין האַנט

און האָט זיך געלאָזט אויף יאַרידן
און שטעטעלעך מיט אַ פאַרזוך
צו ברענגען השׂכּלה צו ייִדן
מיט מעשׂיות אַ פּאַק און אַ בוך.

ביז ער האָט זײַן נאָמען געביטן
צו שרײַבן מיט האַרץ און מיט טאָלק

און האָט זיך מיט סטיל זײַן געניטן
פֿאַרשריבן אויף אייביק בײַם פֿאָלק.

דער צווייטער האָט טרערן געפֿונען
אין פשוטע ייִדישע רייד
און האָט פֿון דעם גאָלד אויסגעשפּונען
אַן אוצר געלעכטער און פֿרייד.

זײַן שמייכל, זײַן האַרצעדיק לאַכן,
צעקלונגען זיך האָט אין דער וועלט
אין צענער לשונות און שפּראַכן,
אין יעטווידער שטוב און געצעלט,

און ס׳האָבן זיך ייִדישע שטיבלעך
צעלאַכט און צעשמייכלט אין בערד.
אַזוי אַ געמיטלעך און ליבלעך,
כאָטש ס׳האָבן די אויגן געטרערט.

ס׳האָט קיינער ביז אים, דעם בעל־פּותר,
געהאַט נאָך אַזאַ מין דערפֿאָלג.
ווי שלום דער טרויעריק גרויסער,
געלערנט האָט לאַכן זײַן פֿאָלק.

דער דריטער געווען איז אַ שעפּער
פֿון טרערן, וואָס רינען אין טיף.
ער האָט ווי אַ מײַסטער, אַ קלעפּער
געשעפּט זיי, אַ טריף נאָך אַ טריף,

די ווערטער, געטונקטע אין טרערן,
געשליפֿן ער האָט אַזוי לאַנג,
ביז וואַנען זיי האָבן ווי שטערן
צעפֿינקלט זיך אינעם געדאַנק.

און ס׳האָבן זיך אין זײַן באַרירונג,
די אוראַלטע מעשׂיות, פֿאָלקלאָר

פאַרוואַנדלט אין פערל און צירונג —
אַ צירונג פאַר איטלעכן דור.

זיי שײַנען נאָך איצט אַזוי טײַער
בײַ יעדן בעל־חלום אין בליק.
ווי פייגל וואָס שטאַרבן אין פײַער,
צום אויפגיין אין פײַער צוריק.

דרײַ שרײַבערס, דרײַ ליכטיקע שטערן.
דרײַ קלײַבערס פון אונדזערע טרערן.

שלום־עליכם

ער געווײנט האָט אין געלעכטער
און געשמײכלט אין געווײן.
אי בײַ טביהן מיט די טעכטער,
אי אין מאָטל־פּײסיס חן.
ס׳האָט זײַן פּען געלאַכט מיט טרערן,
ווען, פאַרקנײטשנדיק דעם שטערן,
פלעגט ער בײַ זײַן שרײַבטיש שטײן.

ווײַל, נאָר שטײענדיק, געשריבן
האָט ער תּמיד זײַנע בענד.
ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן
אַ פאַרמעגן אָן אַן ענד —
צוואַנציק ביכער, ווי מנורות,
פאַר די קומענדיקע דורות,
פול מיט פּיקחותדיקן בלענד.

ער האָט אויסגעמאָלט די שטעטלעך
פון אוקראַינעס, רוסלאַנדס תּחום,
אַזוי תּמימותדיק און געטלעך,
אַזוי שטיפעריש און פרום,
אַז עס ווילט זיך פשוט קײַכן
פון זיסן וואָרט־אוצר דעם רײַכן
און פון וווּנדער שווײַגן שטום.

אויסגעקניפּן זײַנע טיפּן
האָט ער פון קאָליר און קלעם;
מיט אַ שמײכל אויף די ליפּן,
מיט אַ טרער אין וויִעברעם
האָט ער זײ געהײסן רײדן
סאַמע פון די אינגעווײדן,
ס׳זאָל אין האַרצן טאָן אַ פלעם.

ווײַל פון פאָלק האָט ער געזאַמלט
אַלע ווערטער פון זײַן שאַץ,
אים צוריקגעגעבן דעמאָלט,

װען געבלאַנקט האָט יעדער זאַץ,
אויסגעטונקט אין האַרץ און שׂכל
און באַזוניקט מיט אַ שמייכל,
אויף אַ גינגאָלדענער טאַץ,

פול מיט ליבשאַפט און קאַטאָװעס,
פול מיט חכמה און מיט בליץ,
ס'פאָלק זאָל אויך אין סם המות
קאָנען שמייכלען פון אַ װיץ,
און צעלאַכן זיך מיט טרערן
פון זײַן גורל פון זײַן שװערן
און פון גורלס בייזע שמיץ,

ס'פאָלק זאָל אין דעם קרומען שפּיגל
זיך דערזען מיט הױקערס צװיי
און אין שפּיגל טאָן אַ גיגל,
שפּאַסנדיק פון זיך און זיי,
די תּקיפים און די גבירים,
פון מנחם־מענדלס שירעם
און פאַרגעסן װינד און װיי.

אין זײַן שפּאָט שלום־עליכם
האָט אַ זאָג געטאָן דער װעלט:
לאַכן איז דער בעסטער צייכן
פון אַ גאָלדן האַרץ, װאָס קװעלט.
איז דעריבער לאָמיר לאַכן,
זיך און יענעם פריילעך מאַכן
און פאַרגעסן דעם װאָס שעלט.

זעכציק יאָר נאָך זײַן אַװעקגיין
און די װעלט איז אַלץ אַ װונד,
קריגערײַען און געשלעגן
אָן אַ גרענעץ, אָן אַ גרונט,
לענדער ברענען, שטיבער קראַכן...
לאָמיר לערנען מענטשן לאַכן,
װײַל צו לאַכן איז געזונט.

נאָװעמבער, 1976

קולבאַק

נעכטיקע יאָרן, זיי קומען צו שוועבן
און שטעלן זיך אויס, ווי גינגאָלדענע שטיגן,
אָט שטייט דאָרטן קולבאַק, מײַן לערער און רבי,
און לייענט זײַן ליד מיט אַן אייגענעם ניגון.

אַ טונקעלער לאָק פֿאַלט אַראָפּ אויף זײַן שטערן,
די אויגן, פֿאַרקוקטע אין ווײַט ווערן רונדער,
און מיר, די תּלמידים פֿאַרכּישופֿטע הערן
די ווערטער, וואָס שמעקן ווי ווײַנען בורגונדער.

ער האָט אונדז באַצויבערט. ער האָט אונדז באַצוווּנגען,
זײַן בליק האָט געגלעט און די ליפּן געכאָוועט.
און ס'האָט זײַן באַגײַסטער אין אונדז זיך צעזונגען
און גלויביק צעגרינט אונדזער האַרץ און מחשבה.

ס'איז יעדער געגאַנגען צו אים, אַ ניט דרייסטער,
אַ העפטל אין האַנט און אַ חלום אין זינען,
און ער, אונדזער לערער, דער חבר און טרייסטער,
האָט יעדן געלערנט ווי זיך צו געפינען —

אין פֿליסטער פֿון ווינט און אין שפּראָצן פֿון צמחים,
אין רוישן פֿון ביימער אויף בערג און אין טאָלן,
ווען מיר פֿלעגן גיין ווי אַ טשערעדע נאָך אים,
זיך לערנענדיק בײַ אים ווי לידער צו מאָלן.

אָ, קולבאַק, מײַן לערער און אָפּגאָט אינטימער,
ווער האָט זיך געגלייבט דאַן, אַז איך, דער אַזאַ מין
צעהפקרטער שטיפֿער, דער שלעגער און שווימער,
זאָל גאָר זיך פֿאַרליבן אין לידער און גראַמען.

עס האָבן גענומען, ווי שטערנדלעך, בלאַנקען
אין מיר זײַנע רייד וועגן שירה און זמר,
מײַן משל און ליד האָב איך אים צו פֿאַרדאַנקען,
ווײַל אַלץ וואָס איך שעפּ, שעפּ איך אָן מיט זײַן עמער.

און אַלץ וואָס איך טראַכט, איז דער ווירק פון זײַן חינוך,
און אַלץ, וואָס איך זוך, איז זײַן גורל פֿאַרטרערטער,
און אַלץ, וואָס איך וויל און איך חלום, געפֿין איך
אין זײַנע צעפֿינקלטע ייִדישע ווערטער.

אָ, קולבאַק, מײַן רבי! ווער האָט דיך פֿאַרשאָלטן,
אַז דו זאָלסט אַוועק אין אַ נאַכט אין אַ שוואַרצער
צום גזלן, וואָס האָט דיר דעם מוח געשפּאָלטן
און שפּעטער פֿאַרפּײַניקט אין פֿינצטערן קאַרצער.

אָ, נעכטיקע יאָרן פֿאַרברענטע, פֿאַרלאָשן,
זיי קומען צו שוועבן און מאָנען און מאָנען...
עס וויינט אין מײַן בלוט דאָס געזאַנג פֿון מײַן לשון,
וואָס וויל ניט פֿאַרשטומען אין טויט פֿון מיליאָנען.

נאָר ייִדן פֿאַרגעסן, און ברידער פֿאַרשעמען,
און אַנדערע ייִדן פֿאַרלאַכן, פֿאַרשפּעטן.
פֿאַרשאָטנטער ווערן די ליכטיקע נעמען
פֿון טויטע, דערמאָרדעטע ברידער־פּאָעטן.

און ס'וויינט אין מײַן בלוט דער פֿאַרדראָס, וואָס מײַן שפּראַך איז
פֿאַרשעמט און פֿאַרלייקנט אַזוי ווי מײַן ליד איז,
נאָר כ'טראָג אויף די ליפּן מײַן וואָרט אויף צו להכעיס
מײַן דור, וואָס איז בלינד צו דער שיינקייט פֿון ייִדיש.

איציק מאַנגער

איציק, איציק מאַנגער, טרובאַדור און פּייטן,
האָסט אונדזערע אָבות פון די עלטסטע צײַטן
אויסגעצופּט פון חומש־ און מגילה־בלעטלעך
און זיי אײַנגעגלידערט אין די קליינע שטעטלעך

פון מדינת פּוילן, ליטע, אוקראַיִנע.
האָסט זיי אויסגעלערנט עיברי־טײַטש און תּחינה,
און מיט דײַנס אַ שמייכל, מיט דײַן פּען געניטסטער
האָסטו זיי געגעבן פּנימער פון איצטער...

שיכּור אין דײַן לעבן און אין שטאַרבן ניכטער,
ביסטו אַלץ פאַרבליבן דער באַליבטסטער דיכטער
בײַ דײַן פאָלק, וואָס זינגט שוין דיך אַזוי פיל יאָרן,
דיך, דאָס שנײַדער־יִינגל, וואָס איז גרויס געוואָרן.

האָסט אין פאָלק געפונען און פון פאָלק גענומען
פאַלנדיקע שטערן, בעטלערס נע ונדע,
און דײַן פאָלק געגעבן, אין די אומעטומען,
דײַנע וווּנדער־מעשׂיות, לידער און באַלאַדעס.

ניט דערהייכט בײַ שרײַבערס, ניט דערשאַצט בײַם לעבן,
האָסטו זיך דערטרונקען אין אַ גלעזל ביטערס.
איצטער, ווען דער טויט האָט דיר אַ קרוין געגעבן,
האָט מען אויסגעהרגעט אַלע דײַנע ריטערס.

צוועלף געציילטע יאָרן ווי דו ביסט פאַרגאַנגען,
מיט ישׂראל־זאַמדן צוגעדעקט געוואָרן.
נאָר דײַן גאָלד'נע פּאַווע און דײַן בוים דעם באַנגן,
טראָגט דײַן פאָלק אַרום אין האַרץ און אין זכּרון.

ווײ, ווי ס'פאַלן שטערן אויף דײַן קבר שטומען,
ווײ, דײַן גאָלד'נע פּאַווע ווערט אַלץ גרויער, בלייכער.
כ'לייען דײַנע לידער, פון דײַן רייץ באַנומען,
און אין דמיון ווערט אַלץ ליכטיקער דײַן זכר.

אַלע דײַנע לידער האָדעוועוון ניגונים,
אויך דײַן אומעט, מאַנגער, איז מיט שײנקייט שוואַנגער.
ס'איז דאָס פֿאָלק געווען דײַן קוואַלנדיקער ברונעם
און דו ביסט זײַן פּרינץ און מײַסטער־זינגער מאַנגער!

זיידע רב מענדעלע

(צו זיין 50־סטן יאָרצייט)

אָ, זיידע, רב מענדעלע, שלמה רב חיימס!
אַ יובל ווי דו ביסט פֿאַרגאַנגען,
נאָר ס׳פֿאַלן אויף מיר דײַנע ווערטער עד־היום,
ווי צײַטיקע קערנער פֿון זאַנגען.

די ווערטער וואָס דו האָסט געפּײַלט און געשליפֿן,
פֿון מאַרך און פֿון האַרץ אויסגעקניפּן
און האָסט זיי געלײַטערט, אַז זיי זאָלן טריפֿן
ווי האָניק פֿון ייִדישע ליפּן.

אָ, זיידע, רב מענדעלע, האָסט אויף יאַרידן
געשלעפּט זיך מיט פֿערדל און וואָגן
און מעשׂיות פֿאַרקויפֿט צו די אָרעמסטע ייִדן,
זיי זאָלן אויך עפּעס פֿאַרמאָגן.

און כאָטש האָסט די קליאַטשע די דאַרע געטריבן,
געפּאָכט מיטן בײַטש אין די דלאָניעס,
ווייסט יעדער, אַז דו האָסט געטאָן עס פֿון ליבע,
מיט ווייטיק אין האַרץ פֿון רחמנות.

אָ, מענדעלע, זיידע, דו מוכר פֿון ספֿרים,
דײַן בײַדל פֿאַרברענט האָבן פֿלאַמען,
און דײַנע קאַבצאַנסקער, אַנטלאָפֿן פֿון קבֿרים,
פֿאַרווייט האָט אַ ווינט הינטער ימען,

און אָפּגעגליקט האָט זיי, די אָרעמע פּליטים,
אין גאָלדענעם לאַנד, ניט צו שאַצן,
מיט גילדענע טעמפּלען, מיט זילבערנע קלייטן,
מיט גלעזערנע הײַזער, פּאַלאַצן.

נאָר אָרעמע זײַנען דאָ ליכטיקע שטיבער,
פֿאַרהאָנגען מיט זיידענע טיכער,
עס הויזט ניט אין זיי אונדזער וואַרעמער דיבור,
זיי האָבן ניט ייִדישע ביכער,

און קינדער, צו זיי קאָן מען גאָרניט שוין ריידן,
זיי זיינען שוין פרעמדע אין גאַנצן,
זיי ווייסן שוין גאָרניט פון ליכטיקן זיידן
און יידישע ווערטער וואָס גלאַנצן.

אָ, זיידע, רב מענדעלע, שלמה רב חיימס,
דו רוסט דאָך אַוודאי אין היכל,
איז בעט איך דיך, בעט פאַרן לעבן דעם נייַעם
און זייַ מיר מייַן קלאָגלידל מוחל...

אַ מלך פון ליד

מלך ראַוויטשן

בייגט אײַן טיפער די קעפּ, מײַנע פרײַנד,
און פאַרנייגט זיך מיט אַכפּערונג, ברידער,
פאַר אַ קאָפּ, וואָס די זקנה באַשײַנט,
פאַר אַ האַרץ, פול מיט ייִדישע לידער.

ס׳האָט די שירה דעם דיכטער באַקרוינט
מיט אַ זילבערנעם קאָפּ, ווי אַ טלית,
און מיט וואָס האָט דאָס פאָלק אים באַלוינט
פאַר אַ לעבן, פול שיינקייט און דלות ?

ס׳איז זײַן דירה אַ שטילער אַרכיוו
מיט געסדרטע אַלמערס, שופלאָדן,
אָנגעפּאַקטע מיט טויזנטער בריוו,
אָנגעלאָדן ביז פול מיט כּתב־ידן.

ביכער, ביכער פון יעדן פאַרנעם
אין חברותא מיט תּחינות און ספרים.
נאָר עס גרויסט זיך דער שרײַבער מיט דעם,
נאָר מיט דעם וואָס געלעבט האָט ער אָרעם,

ניט פאַרקויפט זיך פאַר זילבער און גאָלד
און געחזרט שפּינאָזען, זײַן רבין,
און מיט ייִדישע לידער געצאָלט
יעדע שעה, יעדן טאָג פון זײַן לעבן.

אויכעט איצט, ווען ער ווערט אַכט מאָל צען,
און זײַן שוואַכקייט צעטרייסלט די פינגער,
זינגט נאָך גלויביק דערהויביק די פען
אין דער האַנט פון גרויקאָפּיקן זינגער.

אַכציק יאָר ווי עס העלט אונדז זײַן זײַן,
הונדערט צוואַנציק זאָל שמען זײַן נאָמען !
כ׳בייג זיך אײַן, נייג מײַן קאָפּ פאַר זײַן שײַן
און דאָס פאָלק אַרום ענטפערט מיר : אמן !

יזכּור

לזכר מלך ראַוויטשן

כ'האָב זיך געבויגן פֿאַר דײַן זײַן
און בייג זיך נאָך דײַן טויט נאָך טיפֿער,
קאָלעגע, אַלטער רבי מײַן,
פּאָעט און דענקער און פֿאַרבליפֿער.

איך שטיי און טראַכט פֿאַר דײַן פּאָרטרעט,
געצייכנט פֿון דײַן זון, דעם מאָלער,
ווי אָרעמער אָן דיר זײַן וועט
די ייִדישקייט די מאָנטרעאָלער,

ווען אויפֿגעהייבן ס'האָט דײַן יש,
אַרויפֿצוקלעטערן דײַן פּלי נאָך,
ווו האָסט געזייט און האָסט געדרעשט
די פֿרישע פּירות פֿון דײַן חינוך,

ווו אַרום דיר און בײַ דײַן טיר
עס האָט זיך אַכפּערונג געזאַמלט,
אַפּילו דאַן ווען פּײַן אָן שיעור
האָט דיר דײַן קלוגע צונג פֿאַרשטאַמלט.

ווי אומעטיק איז איצט דײַן היים,
ווו אין אַליינקייט שטייט דײַן עמוד,
ווו אין דערמאָנונג וויינט געהיים
דײַן רחלס טרער, ווי אַ נר תּמיד,

ווו ס'האָט דײַן גײַסט, דײַן פֿלייש און בלוט
געלעכצט צו פֿליִען העכער, ווײַטער...
ווי טרויעריק ס'איז די ספֿרות,
וואָס האָט נאָך דיר ניט קיין פֿאַרבײַטער.

אַ לעבן האָסטו זיך באַמיט,
אָן עולם הזה, אָן באַלוינונג,
אַ יורש לאָזן פֿאַר דער ליד,
אַ יונגן דיכטער אין זײַן קרוינונג,

און האָסט געחלומט אַ תּנך
פון נײַער שאַפונג אויפצוקלייבן,
ווו יידיש, דײַן באַליבטע שפּראַך,
אויף אייביקייטן זאָל פאַרבלײַבן.

איז שטיי איך דאָ, פאַר דײַן פּאָרטרעט,
מיט שטומע טרערן אין די אויגן,
פאַר דיר, געשטאָרבענער פּאָעט,
ווילט זיך מיר טיפער נאָך פאַרבויגן.

נאָר וואָר און חלום אויף דער ערד
ניט תּמיד שטייען זיי דערנעבן,
און דיר איז ניט געווען באַשערט
דײַן גרויסן חלום צו דערלעבן.

וואָגלער

ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט זיך אין שיינקייט
און ניט געקאָנט פֿון דאָרט אַרויס.
אין פֿלוימענסאָד פֿון זײַן אַליינקייט
האָט ער געלעבט און גאָר זײַן בענקייט
געווען זײַנען די לידער בלויז.

דער קראַנקער אומעטיקער יתום,
פֿאַרליבט אין ביימער און אין גראָז,
אַליין אַ פֿלאַקערבוים אין אָסיען,
האָט ער געלעבט אין שאָטן פּשוט,
ביז ס'האָט דער טויט אים אָפּגעקאָסעט,
ווי אַ באַהאַלטענעם מימאָז.

כ'געדענק נאָך הײַנט די גרינע לאָנקעס,
זײַן פֿלוימענסאָד אין ווײַסן שוים,
אַווו די גרינע לידער חנקעס
געבליט האָבן אויף יעדן בוים,

ווען ס'זײַנען זײַנע חלום־סעדער
מיט פּרות פֿול געווען און גרינס,
ווען ס'האָט זײַן מאָלערין — די פּעדער
געבראַכט עס אונדז ווי אַ געפֿינס.

ער האָט שוין יונג געוווסט פֿון הונגער,
פֿון עלנט, נויט און בייזער קעלט,
און ער, דער לינקער מורד יונגער,
האָט זיך צעקריגט מיט גאָר דער וועלט.

ער האָט נאָר דאַן געפֿירט אַ ליבע
מיט דער בעריאָזקע אויפֿן באַרג,
געווען איז אפֿשר דאָס די סיבה
וואָס ער געווען איז אַזוי קאַרג

אויף ווערטער און פלעגט בעסער שווײַגן
און האָרכן ווי זײַן וועלדל גרינט.
ווי ער פֿאַרשטאַנען וואָלט וואָס צווײַגן
דערציילן דעם צערוישטן ווינט.

געוועזן בין איך מיט דרײַ יאָר ייִנגער
און נאָך געשריבן אין געהיים,
און ער שוין אַ באַקאַנטער זינגער
מיט שילדנפֿאַרב אויף זײַנע פֿינגער,
אָן טאַטע מאַמען, אָן אַ היים,

געוואָרן איז דער סאָד זײַן מאַמע,
זײַן טאַטע און זײַן אייגן הויז.
פֿאַר אים האָט ער געשריבן גראַמען
און ניט געוואָלט פֿון דאָרט אַרויס.

די יונגע יאָרן זײַנען בעל־העזה'עס
און חוצפּה האָבן זיי אָן שיעור.
דער יונגער חנקע האָט פֿײַנט פּאָזעס,
ס'איז פּשטות תּמיד זײַן מאַניר,
ער פֿירט אַ ליבע מיט בעריאָזעס,
איז יעדע קריגט פֿון אים אַ שיר.

זײַן ליד אַ חלום פֿון זײַן בענקשאַפֿט,
נאָך בלייכע, ווייכע מאַמע־הענט
און נאָך אַ בעט אין הייסער ענגשאַפֿט,
וואָס ס'האָט זײַן ייִנגלשע געדענקשאַפֿט
דערמאָנען קיין מאָל ניט געקענט.

ער האָט פֿאַר מיר די פֿריִע לידער
געלייענט לאַנגזאַם, שטילערהייט —
די ערשטע לידער פֿון זײַן סידור,
וואָס האָבן זיך אין מיר פֿאַרזייט.

און איך דערמאָן מיך איצטער ווידער
אַן אָנהייב פון אַ ליד — אַ קווייט:
„אָ, טראָג מיך בענקשאַפט צו אַ לאַנד,
וווּ ס'לעבט אַ בלינדער מוזיקאַנט,
וואָס שפּילט ניגונים פון מײַן לעבן אויף אַ פלייט".

דאָס איז געווען זײַנס אַ זמר,
וואָס ער האָט מיר געלייענט בסוד,
ווען ס'האָט די זון איר רויטן עמער
אַראָפּגעדרייט אין ברונעם־דעמער
אויף דעם געגילטן קאָלווראָט.

וווּ האָט די בענקעניש דערפירט אים?
צום געטאָ־טויער און צום בראַנד,
צו טעג, פאַרווירטע און פאַרפירטע,
צו געסעלעך, מיט בלוט פאַרשמירטע,
און צו אַ בוידעם אין אַ לאַנד,

וווּ פרעמד איז אים געווען דאָס לשון
און פרעמד פון גרויסשטאָט דער געדראַנג.
ער האָט זיך שטילערהייט פאַרלאָשן,
און ס'איז זײַן ליד, ניט אויסגעדראָשן,
געבליבן אין זײַן האַרץ ווי באַנג.

חיים גראַדע

דײַן ערשטער בוך געווען איז "יאָ".
יאָ, מיר געדענקען און מיר ווייסן,
אַז יענע וועלט איז שוין ניטאָ
און דו ביסט דער מחיה־מתים.

פון "מוסרניקעס", לאַנג שוין טויט,
פון "דורות דרײַ", פאַרברענט אין פײַער,
און דו, דו צינדסט דעם יאָרצײַט־קנויט,
וואָס איז אונדז אַלע אַזוי טײַער.

אויף "וועגן אויף פאַרוואַקסענע",
אַוווּ מיר אַלע זײַנען "פּליטים",
דו שטייסט אין פלאַמען, ווי דער סנה,
און לעבסט צו להכעיס אַלע טויטן.

און וועבסט אַרײַן אין טויטער שײַן
פון "שטערן אויסגעלאָשן", בלאָע,
דעם פראַצעוויטן, שווערן זײַן,
פון דײַן פרום־מאַמעשער "צוואה".

דײַן "מאַמעס שבת" איז אויך מײַן,
און אונדזערער איז אויך "שולהויף".
איך ציטער אויף פון צער און פּײַן,
ווי אין אַ פרומער האַנט אַ לולב,

ווײַל ס'ליגט אין בלוט נאָך, אויף מײַן דנאָ,
פאַרשעמט, פאַרלעסטערט מײַן אמונה,
ווײַל יענע וועלט איז שוין ניטאָ,
און ס'איז מײַן היימשטאָט אַן "עגונה".

נאָר דו וועקסט אַלץ דעם ווײַטן העט,
דעם אַלטן העט אין וועלט אין נײַער,
דו, אָנגעצונדענער פּאָעט,
דו פלאַמענדיקער "מענטש פון פײַער".

דײַן „צמח אַטלאַס" פֿון אַמאָל,
דײַן „קלויז אין גאַס", דײַן „שטומער מנין",
זײ װעלן אײביק, אַלע מאָל
די פֿענצטער זײַן פֿון אונדזער בנין.

װײַל מיר באַװוּנדערן דײַן פּען,
דײַן מײַסטערשאַפֿט פֿון װאָרט און שאַפֿן.
זאָל גאָט דיר געבן ברױז און ברען,
דײַן װײַטערשאַף זאָל אונדז פֿאַרגאַפֿן!

מיר ווערן עלטער

מיר ווערן עלטער, חיים גראַדע,
אין פּיַן געפּרוווט, מיט צער געשטראָפט,
מיט אַלע יאָרן נע־ונדע,
וואָס קומען אונדז צו חלום אָפט.

מיט אַלע נעכטנס אָנגעצונדן
אין אונדזער איך און אונדזער זין,
מיט אַלע ניט פאַרהיילטע וווּנדן,
וואָס פירן אונדז צוריק אַהין,

צום פינצטערן און שוואַרצן שאָטן,
ווו ס'איז מיט בלוט און מאַרך פאַרזייט
געבליבן אויף די שטעכל־דראָטן
אַ טויטע הענגען אונדזער פרייד.

מיר קאָנען אַלץ זיך ניט פאַרגעבן,
וואָס מיר זיַינען אין ווינד און ווײ
געבליבן טרויעריקע לעבן
און ניט אַוועקגעגאַן מיט זײ

אין בראַנד, וואָס האָט זיי איַינגעזאַמלט
און זיי אין סם און פלאַם פאַרטליט,
וואָס מיר אַנטלאָפן זיַינען דעמאָלט
און זיך פון פּיַערטויט פאַרהיט...

דאָס האָט דער גורלדיקער פינגער
באַשטימט אונדז עלנטע צו שטיין
און זיַין די טרויעריקע זינגערס
פון אונדזער אייגענעם געוויין.

מיר האָבן אויפגעשפּראָצט — אַ ווונדער
אויף געסלעך רעש און הויפלעך ראָסט
און אַל די וואָך פון אונדזער וווּנד־דור
מיט לידער האָבן מיר באַגראָזט.

מיר האָבן זינגענדיק צעוויקלט
די חלום־פאָן פון פלי און פלאַם
און פרילינגדיק אַוועקגעפליגלט
מיט אומוועגן צום בלויען ים.

די מאַמע יידיש האָט מיט שפּיזלען
פון גינגאָלד אונדזער ליד געשפּינט
און אונדז צום ים געהייסן ריזלען,
געפירט פון שטערנשיַין און ווינט.

מיר זיַינען גלויביקע געשווומען
מיט אויגן־זון און הערצער־זוד,
נאָר ס'האָט די וועלט אונדז ניט פאַרגונען
און אונדז דערפירט צום ים פון בלוט —

צום ים פון בלוט, צום פלאַם פון פיַיער,
וואָס האָט דערטרונקען און פאַרברענט
די היים, וואָס איז געווען אונדז טיַיער,
און בלויז געלאָזן שוואַרצע ווענט

און גופים נאָנטע אויפגעקנאָטן —
דריַי דורות אין אַ ווילדן קנויל,
און אונדז געלאָזט, ווי שוואַרצע שאָטנס,
די עדות זיַין פון מאָרד און גרויל.

איז שטייען מיר היַינט שטום און שוויַיגן,
ווי ביימער אין אַ טויטן וואַלד,
מיט אָפּגעברענטע קעפּ און צוויַיגן,
מיט קויל און אַש אין יעדן שפּאַלט,

מיט שולד־געפילן, וואָס מיר לעבן
און זיַינען ניט מיט זיי אין רויך
אַוועק פאַרברענט, כּדי צו שוועבן,
ווי וואָלקנדלעך אין בלויער הויך.

עס האָט אַ גורלדיקער פינגער
באַשטימט אונדז איינזאַמע צו שטיין
און זײַן די אומעטיקע זינגערס
פון אונדזער אייגענעם געוויין.

איז שטייען מיר, אין נע ונדיש
צעקלעמטן לעבן, נאַקעט, הויל,
און אונדזער טרויעריקער קדיש
ברענט אונדז דאָס האַרץ אָפּ און דאָס מויל.

די זינגעוודיקע ווערטער שרײַען
פון אונדז אַרויס, ווי פונקען זשאַר,
ווי ס'וואָלט קיין צײַט אונדז שוין ניט סטײַען
אַרויסצווויינען אונדזער צער.

עס האָט דער גורלדיקער פינגער
באַשטימט אונדז עלנטע צו שטיין
און זײַן די טרויעריקע זינגערס
פון אונדזער נעכטיקן פאַרגיין!

פון יאָר צו יאָר

פון יאָר צו יאָר זינג איך דיר לידער
מײַן יוגנט־חבר חיים!
איך האָף צו זינגען נאָך און ווידער
ביז כּוחות וועלן סטײַען.

ווײַל איך באַוווּנדער דײַן כּשרון,
דײַן שעפּעריש־הייס לשון,
וואָס איז מחיה אַלע יאָרן,
וואָס ס׳האָט דער פלאַם פאַרלאָשן,

וואָס וועקט אויף אַלע מתים קדושים
פון פלאַמען, סמען, שעכטן,
אַזש ס׳נעמט זיך ווי אַ וואַלד צערוישן
דער אומגעבראַכטער נעכטן.

פון יאָר צו יאָר ווערט אין מיר גרעסער
דער אָפּשײַ צו דיר, ליבער,
דו טראָגסט אויף זיך דעם טאָפּל־כּתר
פון ליכטיקסטן קאַליבער,

ווײַל פון פּאָעזיע און פון פּראָזע,
ביסטו דער וווּנדערמײַסטער,
טראָג איך דיר צו, ווי אַ מימאָזע,
די בלום פון מײַן באַגײַסטער.

ס׳איז הײַ יאָר פופציק יאָר געוואָרן
די זריחה פון „יונג ווילנע״.
איך טראָג זיי תּמיד אין זכּרון,
די דיכטערס שטשעפּעטילנע,

וואָס האָבן יונג גענומען בלומען
און ניט דערלעבט קיין פּרות,
וואָס זײַנען יונגע אומגעקומען
אין מאַוימדיקע מוראס.

מיר זײַנען דרײַ געבליבן לעבן,
נאָך זיי צו קדיש זאָגן!
מיר זײַנען דרײַ געבליבן לעבן
אַ שליחות אומצוטראָגן.

אונדז האָט דער ווירבלווינט, דער שטורעם
אין לענדער דרײַ צעוואָרפן,
מיר זאָלן זײַן די בעל־הטורימס
פון געטאָס און פון טאָרפן,

פון אַלע קראָען און וואָראָנעס,
וואָס פּיקן אונדזער רעיון,
פון אַלע פינצטערע פורעניות,
וואָס וועקן אונדז און שרײַען

מיט אימהדיקע קולי־קולות
פון טויטע שטעט און שבטים.
מיר וועלן טראָגן דאָס אבלות
ביז אונדזער לעצטן אָטעם!

מיר, מיט די וויינענדיקע הערצער
און זינגעוודיקע ליפּן,
מיר האָבן זיך אין אונדזער שווער צער
צעריסן און צעקניפּן.

דער נעכטן לעבט אין אונדז אַ טויטער,
אין חטא פון בלײַבן לעבן;
עס גייט אונדז תּמיד נאָך אַ צווייטער,
וואָס וויל אונדז ניט פאַרגעבן.

און איך, דער קלענסטער פון פּײַטנים
וואָס משלט אין קאַנאַדע,
בין הײַנט דיך דאָ מקבל פּנים,
מײַן יוגנט־חבר גראַדע.

ווײַל פֿון פּאָעזיע און פֿון פּראָזע
ביסטו דער וווּנדערמײַסטער,
טראָג איך דיר צו, ווי אַ מימאָזע,
די בלום פֿון מײַן באַגײַסטער.

חבר מײַנער, איוב

חיים מאַלטינסקין, מיטן גאַנצן האַרץ

חבר מײַנער, איוב
פון מאָסקווע, מינסק און קיִעוו
וואָס האָט געהאַט צו דיר דער בלוטיקער סאַטראַפּ?
ער האָט דײַן האַרץ צעבראָכן,
די ביינער און די קנאָכן,
און ס'איז נאָך אַלץ געווען פאַר אים צו קנאַפּ.

האָט ער אין פּסק אין האַרבן,
פאַרמשפּט דיך צו שטאַרבן
אין וויסטן, ווײַסן, ווירבלדיקן שניי,
אַז דו זאָלסט דאָרט אַ יונגער
פאַרגיין אין קעלט און הונגער
און נאָך אין טויזנט מיתות אַלערליי.

געמיינט האָט שוין דער שׂטן,
אַז ער האָט דיך צעטראָטן
צוזאַמען מיט דײַן לשון און דײַן פּען.
נאָר דו אין ווי און פיבער,
אָן כּוחות, נאָר אַ גיבור,
האָסט זיך געראַנגלט, ווי גיבורים צען.

מיט ציין אין לײַד פאַרקריצטע,
אַ קראַנקער, אומבאַשיצטער
האָסטו באַזיגט דעם שרעקלעכן דעמאָן
און ביסט געבליבן לעבן
אַ חשבון אָפּצוגעבן
פון אַלץ, וואָס איז געשען, פון אָנהייב אָן.

דו ביסט געבליבן איינער
אין טאָל פון טויטע ביינער,
אַ לעבעדיקער עדות, אַ סימבאָל
פון אַלע וויסטע גרוילן,
וואָס בושעווען פאַרהוילן
אָן אויפהער אין דעם רויטן טויטנטאָל...

אַנטלאָפן פון רציחות,
האָסטו באַשטימט דיַין שליחות,
צו זיַין דאָס קול פון די, וואָס צוואַנג און מאָרד
דערשטיקט האָבן אין פינצטער,
אַז זייער קרעכץ דער מינדסטער
זאָל ניט דערגרייכן אונדזער וועלט פון דאָרט.

ביסטו געבליבן לעבן
אַ חשבון אָפּצוגעבן,
דערשיטערן די גליַיכגילטיקע וועלט!
דערפאַר מיט האַרץ און רעיון
באַגריס איך דיך, ר׳ חיים!
און זאָג דיר אין די אויגן: ביסט אַ העלד!

יאַנואַר, 1981.18

אַ גרויסער מענטש איז ווי אַ שטערן

לזכר אַבראַשע ריינהאַרצן

בייגט איַין די קעפּ פאַר זיַין ניט ווערן
און האַלט אַ וויַיל דעם אָטעם איַין;
אַ גרויסער מענטש איז ווי אַ שטערן —
ער לעשט זיך אויס, נאָר ס'בלײַבט זיַין שיַין.

זיַין שיַין, זי ציטערט איבער תּהומען
און מאַכט די נאַכט פון חושך גראָ,
ער איז אַוועק, נאָר ס'איז זיַין נאָמען
געבליבן ליכטיק פאַר אונדז דאָ.

ער איז געווען אַ מאָדנער לערער
וואָס האָט געלערנט זיך אַליין.
און נאָך אַ טאָג פון מי פון שווערער
געקומען איז ער שטיל צו גיין

מיט פולע עמערס אין די דלאָניעס,
מיט קלוגע רייד פון האָף און שטראָף,
ער האָט מיט גלויבן, מיט עקשנות
צעשאָנקען שעהען פון זיַין שלאָף.

ס'איז ניט געווען פאַר אים קיין קשיא,
ער האָט גאָר צווייפלען ניט געקענט —
אַפילו מיטן טויט, אַבראַשע,
האָט ער געשטריטן ביז דער ענד.

איצט רוט ער פאַר דער צײַט דער גאַנצער,
וואָס ער האָט רוען ניט געקענט,
פונקט ווי דאָס שטערנדל דער גלאַנצער,
וואָס האָט אין פלאַם זיך אויסגעברענט.

בייגט אײַן די קעפּ פֿאַר זײַן ניט ווערן
און האַלט אַ ווײַל דעם אָטעם אײַן,
אַ גרויסער מענטש איז ווי אַ שטערן —
ער לעשט זיך אויס, נאָר ס'בלײַבט זײַן שײַן.

דאָס געסל פֿון זיבן פּאָעטן

ניט אויסגעטראַכט האָב איך דאָס געסל פֿון זיבן פּאָעטן,
די גרינע בריק ברענגט מיך נאָך איצטער צוריק צו זײַן שוועל.
אין שלאָפֿלאָזע נעכט גיי איך אום אין זײַן שײַן דעם פּיאָלעטן
און זוך אויף די דעכלעך פֿון שינדלען שאַגאַלס אַ געסל.

עס הייבט זיך אָן גלײַך בײַם משופּעדיקן ברעג פֿון דער ווילִיע
און פֿירט מיך אַוועק אַרויף באַרגיק צו דער ראָגאַטקע זײַן וועג,
עס שפּיגלט זיך תּמיד אין טרער, וועלכע הענגט אויף מײַן וויִע,
און פֿירט מיך אין חלום אַוועק צו אַמאָליקע טעג...

אָט קום איך צום הויף נומער פֿערצן, דאָ וויגט זיך אַ שאַלקע,
אַזוי ווי אַריבער אַ ברונעם אַ שטאַנג מיט אַ שעפּ,
אָט דאָ האָט געשאָנקען פֿון ייִדישן ליד די בת־מלכּה
איר רינגל אַ ייִנגל, וואָס האָט זיך געשפּילט אויף די טרעפּ.

איך זע אים בײַם פֿענצטער נאָך זיצן, , דעם יונגן אַבראַשקען,
וואָס חלומט אויס זינגווערטער בלומיקע, אָקאָרשט פֿון בייט,
די זון האַפּט מיט גאָלד אויס דאָס קעלנערל פֿון זײַן רובאַשקע
און טוט אויף זײַן האַלדז אָן די אַלטע גינגאָלדענע קייט.

איך שפּיל מיט זײַן ברודער אין שאַך, און זײַן גלויביקע מאַמע,
זי טראָגט אונדז צו כּיבוד מיט ליבשאַפֿט און גוטס אין געזיכט.
הײַנט קוקט אינעם פֿענצטער אַרײַן דורך צעבראָכענע ראַמען
אַ קאַשטאַנבוים, ווי אַ צעקרימטע מנורה אָן ליכט.

עס גלימערט אין הימל איין שטערן, צעפֿינקלט און גלאַנציק,
אַזוי ווי אַן אויג בײַ דער נאַכט פֿון אַ ווילדן משוגענעם וואָלף.
איך קום ווי אַ נאַכטוואַנדלער אָן צו דעם הויף אַכט און צוואַנציק,
אַוווּ איך פֿלעג קומען אין געסט צום פּאָעט לייזער וואָלף.

דאָרט האָבן זיך תּמיד געאַמפּערט די פּען מיט דער נאָדל,
דאָרט האָט ער אַפֿילו די הענטשקעס באַליישט מיט אַ ריים,
ס'איז פֿולער געוואָרן מיט לידער זײַן ברוינלעך קאָמאָדל
און ליידיקער אַלץ איז געוואָרן זײַן אָרעמע היים.

ס'האָט זיך, ווי די הענטשקעס, געשטאָכן דער בייזער וואָלף לייזער
מיט אומרו אין האַרץ און מיט גאַליקע לידער אין מויל —
ביז וואַן אויפן טאַנק איז געקומען דער פֿאַלשער דערלייזער
און האָט אים פֿאַרנאַרט אין זײַן לאַנד מיט אַ מעשׂה פֿון וויל...

איצט רוט ער אַזוי אינעם זאַמד פֿונעם מדבר, דער יונגער,
עס שטייט ניט קיין שטיין אים צוקאָפּנס בײַם טײַך סיר־דאַריאַ.
אָן נאָדל איז ער אויסגעגאַנגען אין רוסלאַנד פֿון הונגער,
אָן פֿעון האָט ער אויסגעברענט גיך אין אַ גורל אַזאַ...

עס קײַקלט אַ שטורעמווינט אום זײַנע ייִדישע לידער,
אַ שוואַרצע טאַראַנטולאַ האָט זיי אין סמען פֿאַרשפּינט,
דער זאַמד האָט פֿאַרצוקט לייזער וואָלפֿן, זײַן האַרץ און די גלידער,
און ס'יאָגט זײַן נשמה אַרום — אַ צעוויכערטער ווינט.

איך פֿיל ניט די שפּיציקע שטיינער, איך זע ניט די גריבער,
פֿאַרהויכט האָט אַ נעפּל מײַן פּנים פֿון שפּריצנדיקן נאַס.
איך גיי צו דעם הויף נײַן און צוואַנציק אַנטקעגן אַריבער,
אַווו ס'האָט געוווינט אין אַ דירה דער מרא דאתרא פֿון גאַס.

אַ זון איז געוואַקסן בײַם גאון און רב מאיר באַסין,
אַזוי ווי אַ דין־בלייכע פֿלאַנץ אויף אַ זאַמדיקער בייט,
ס'איז תּמיד געווען אַזאַ צער אין זײַן פּנים דעם בלאַסן,
וואָס ניט פֿאַרטײַטשן געקאָנט האָבן מענטשלעכע רייד.

אַן איינזאַמער בחור, אין טונקעלע בגדים, אַ שווײַגער,
וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין שאָטן פֿון רווישיקער שטאָט,
די גאַס האָט אים נאָכגעקוקט תּמיד טשיקאַווע, מיט נײַגיר,
ווײַל ס'האָט זיך אַרום אים געשפּונען אַ סוד נאָך אַ סוד.

דער רב האָט אַ בייזער געמוסרט זײַן שטילן בן־יחיד,
וואָס לאָזט די גמרא צעעפֿנט און נעמט אין דער מיט
אַרומגיין אין צימער, דאָס האַרץ, ווי די פֿאָלעס צעפֿאָכעט,
און נעמט אויף די פֿינגער גאָר ציילן דעם ריטעם פֿון ליד.

עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין מוסר, קיין שרײַען און שטראָפֿן,
דער זון האָט געשריבן און האָט ניט געהאָרכט דעם פֿאַרוואָר
און האָט זיך גענומען אין געסל באַגעגענען אָפֿן
מיט אונדז, יונגע טינטלערס, וואָס האָבן געחלומט ווי ער.

ער פֿלעגט אויך אין שקיעה אַראָפּגיין צום ברעג פֿון דער ווּיליע
און קוקן דעם טײַך אין די אויגן פֿאַרשעמט און פֿאַרבלענדט,
ביז ס'האָט אים אַ פֿישער געבראַכט — מיט אַ טרער אויף דער וויִע
און צוויי העפּטלעך לידער פֿאַרשטשעמט אין פֿאַרבלויטע צוויי הענט.

דאָס געסעלע ליגט ווי אַ טײַך צווישן הילצערנע ברעגן,
די שטיבלעך, ווי שוואַרצע מצבות, באַגלייטן מיך בלינד.
עס זעגט די לבנה די וואָלקנס מיט ניקלנע זעגן
און לאַטעט מיט זילבער די הייפֿלעך, אין חושך פֿאַרשפּינט.

דאָ האָבן געוווינט אַ מאָל ייִדן אין דחקות און נויטן,
אין הילצערנע שטיבלעך אין ענגע, אין הונגער און קויט,
נאָר קינדערלעך האָבן דאָרט אויפֿגעשפּראָצט פֿאַרביק, ווי קווייטן,
ווי ס'וואָלט זיי אַ מלאך פֿאַרזייט אין דעם בריגראָז בײַם פּלויט.

דאָרט האָט די אָרעמקייט תּמיד אין שאָטן באַהאַלטן,
אַזוי ווי די שׂינאה בײַ שכנישע גויִים אין בליק.
נאָר ס'האָט דאָרט געבלומט, ווי ס'בליט אויף אַ בוים אַ צעשטראַלטן,
דער חלום פֿון בעסערע צײַטן אין מאָרגנס פֿון גליק.

די נאַכט פֿירט אַוועק מיך צום הויף, וווּ עס ליגן צוויי שטיינער,
מצבות פֿאַר שול אַ פֿאַרברענטער אַוועקגעלייגטע אַהער,
דאָרט טיף אינעם הויף האָט געוווינט אָגוזל דער קליינער,
געוועזן זײַן וויאָלע איז גרעסער שוין באַלד, דוכט, ווי ער.

זײַן מאַמע געוועזן איז אַ פֿישערקע, באַלד שוין אין שימער
פֿון טאָג פֿלעג זי נעמען צעטראָגן די קאָשיקעס פֿיש,
נאָר האָט זיך געשעמט אין פֿאַרנאַכטן אַרײַנגיין אין צימער
וווּ ס'האָבן די יונגע פּאָעטן געשמועסט בײַם טיש.

איך גיי אַוועק ווײַטער אַרויף צום ראָגאַטקע,
צופוסנס די בערג די שעשקינער, ווו ס׳איז
אַזוי ווי אַ וויאָלע געשטאַנען מײַן כאַטקע,
מיט סטרונעס צעקלונגען בנעימותדיק־זיס.

בײַ זײַט איז געשטאַנען אַ ווײַסע בעריאָזע,
אַריבערגעבויגן אַזוי ווי אַ סמיק,
און ס׳פלעגן זיך באַרנבוים, איווע און לאָזער
צעוויגן אין ניגון פון גליק און מוזיק.

ווײַל פול איז דאָס שטיבל געוועזן מיט זמרים
פון פינף יונגע שוועסטער, וואָס האָבן געבלענדט.
איז זײַנען געקומען די ווילדע אכזרים
און האָבן מײַן היים און פיר שוועסטער פאַרברענט.

דאָס הייפל פאַרזייט מיט אַרבוזן און מערן,
וואָס האָט אַ גרינגראָזיקס אין זונגאָלד גערוט,
איז איצטער פאַרזייט מיט געפאַלענע שטערן,
מיט ווילדגראָז און דערנער, וואָס שטעכן ביז בלוט.

מײַן שטיבל, אַוווּ כ׳האָב געלערנט זיך גראַמען,
אַוווּ כ׳האָב געשליפן די ווערטער, וואָס כ׳שרײַב,
אַוועק איז אין רויך פון צעצונדענע פלאַמען,
אַזוי ווי מײַן ברודערס אויסברענענדיק לײַב.

איך מאַך צו די אויגן, אָט דאָרט, קעגנאיבער
דער אַנדער זײַט גאַס האָט מיט יאָרן צוריק
געוווינט מײַנס אַ קרוב — דער שיינער און ליבער,
דער בלאָנדער און יונגער פּאָעט הירשקע גליק.

זײַן טאַטע געוועזן איז אַ הענדלער פון שמאַטעס,
אַ פשוטער ייִד מיט אַ חלום אין בליק,
נאָר אָרעם און ענג איז געווען זײַן פאַציאַטע,
כאָטשבי זײַן נאָמען געווען איז גליק.

צוזאַמען מיט רייִנעם באַהאַלטענעם דלות
האָט דאָרט אויך די ליבשאַפט צעבליט זיך אין הויז,
אַזוי ווי אויף זאַמד און צעוואָרפענע סקאַלעס
צעבליט זיך אויף שטעכיקע דערנער אַ רויז.

ס׳האָט הירשקע גאָר יונג אָנגעהויבן צו שרײַבן,
פון זיבן טעג הונגער, וואָס קומען ווי וועלף,
פאַרצוקן זײַן היים און געוואָלט זיי פאַרטרײַבן,
כאָטש אים איז געווען דאַך יאָרן נאָר צוועלף.

צו דרײַצן פאַרדונגען ער האָט זײַנע דלאָניעס,
צו העלפן פאַריאָגן פון כאַטע די נויט,
צו קאָנען אַהיים ברענגען ווי אַ מתּנה
אין אָוונט אַ לעבל פריש ראַזעווע ברויט.

און שפּעט, ווען ער איז פון דער אַרבעט אַ מידער
געגאַנגען אַהיים, אַ פאַרשמירטער, פאַרשמאַכט,
האָט ער שוין געחזרט אויף ליפּן די לידער,
וואָס ער האָט געגרייט זיך צו שרײַבן בײַ נאַכט.

מיר זײַנען מיט אים פונעם געסל געלאָפן
אין שרעק פאַרן דײַטש, נאָר לעם שניפּישקער בריק,
האָט ער זיך פאַרהאַקט, ווי פון דונער געטראָפן,
און האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן צוריק.

ער האָט ניט געקאָנט זײַן משפּחה פאַרלאָזן,
ווען ס׳האָבן די שכנים געשאַרפט שוין די העק.
האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן גיך, בחיפּזון
לויפן צוריק, צו להכעיס זײַן שרעק...

איך וואָגל אום ווײַטער, אין בלוטיקע שפּורן,
בלויז דרײַ שטובן העכער, אין אייגענער גאַס
געוווינט האָט דער ייִנגסטער פּאָעט משה גורין,
גליק הירשקעס אַ קוזין, זײַן חבר אין קלאַס.

זיי האָט פאַרבונדן די היים און די פעדער,
דער חלום פון „יונגוואַלד”, די ייִנגלשע פרייד,
איז פּלוצעם געקומען אַ ווירבל אויף רעדער
פון בלוט און פון בראַנד און זיי ביידן צעשיידט.

ס'איז הירשקע געפאַלן אין קאַמף מיטן שונא,
אין וואַלד מיט אַ ביקס, ווו מען ווייסט ניט גענוי...
ס'איז משה געבליבן, מיט ניסים אַזוינע,
ער ווייסט אויך אַליין ניט ביז היינט, ווי אַזוי?

ער זינגט זײַנע קלאָגלידער איצטער אין חולון,
די גרינע בריק ברענגט אים, ווי מיך, אָפּט אַהער,
עס פלאַמען די הימלען פון נעכטן דעם דולן
בײַ אים אין די לידער, בײַ אים אין זײַן טרער,

אַזוי ווי עס פלאַמען אין בילדער די פאַרבן.
בײַ קאָפּלען זײַן ברודער, געדעמלט אין שוואַרץ...
אוי געסל, מײַן געסל! אין גורל דעם האַרבן,
ווער האָט דיך געקוילעט, זאָלסט לעבן אין האַרץ?

געסל מײַנס, אומעטיק געסל,
פול מיט גלויבן, חלומות און מערק,
האָסטו זיך געקײַקלט, ווי אַ פעסל,
פול מיט ווײַן פון די שעשקינער בערג,

ביז דו האָסט דערקײַקלט זיך צו שקיעה,
ברענענדיק גלײַך, ווי ספּירט אַ טון,
און האָסט זיך פאַרלאָשן אין ווילִיע,
ווי אַ גרויסע פלאַמענדיקע זון.

טעג מײַנע מיט סם און פלאַם פאַרווייטע,
פול מיט חלום, יוגנט און געדראַנג,
אויף אַ קליינעם געסל אַ פאַרזייטער,
אויפגעשפּראָצט האָט אונדזער יונג געזאַנג.

זיבן יונג צעזונגענע פּאָעטן,
פול מיט האָפן, פול מיט שאַפונגסוויי,
ווער האָט דרײַ פון אײַך פאַרזייט אין האַרבסט אין שפּעטן,
אומצוקומען, בליִענדיק, אין שניי ?...

פון מײַן אייגנס

מײַן מאַמע

ביטער, זאָגט איר, ווי אַ רעטעך,
וואָס אין נאָז פֿאַרגייט זײַן טעם.
ווײַל מײַן מאַמע חנהן, כ'בעט אײַך,
ניט געקאָנט ט'איר מין הסתם!

ווען זי פֿלעגט אַ רעטעך נעמען,
פֿלעגט זי מאַכן אַ געמיש,
אַז דער רעטעך פֿלעג פֿאַרשעמען
אַלע עסנס אויפֿן טיש.

הײַנט דער אײַנגעמאַכטס אויף פּסח,
וואָס פֿלעגט אויסזען ווי בורשטין,
אַזאַ מאַכל אַז אַ קיסר
וואָלט זיך שפּיגלען אויך דערין.

אויכעט מענטשן, ווען ס'איז ביטער,
פֿלעגט מײַן מאַמע מאַכן זיס,
אַלע ביטערע געמיטער
פֿלעגט זי אײַנלאַדן צום טיש,

און מיט גוטע רייד וואָס בענטשן
מיט אַ שמייכל און אַ טרער
פֿלעג מײַן מאַמע אויכעט מענטשן
זיסער מאַכן מער און מער.

און דעריבער טו איך גלויבן
שטילערהייט, פֿאַר זיך בסוד,
אַז מײַן מאַמע, דאָרטן אויבן,
קאָכט מאכלים אויך פֿאַר גאָט,

קאָכט און ברענגט עס אין גיהנום
מיט אַ טרייסטנדיק גוט וואָרט
און זי גיט אַוועק עס יענעם,
וועלכער לײַדט אַממערסטן דאָרט.

ווײַל מײַן מאַמע, ווײַל מײַן מאַמע,
האָב איך זאָגן ווי געהערט,
איז אַ מלאַכטע מסתּמא
אויך געוועזן אויף דער ערד.

איצטער, אַז זי איז פֿאַרפֿלויגן
אין דעם מלכות פֿון ניט הי,
שעם איך זיך פֿאַר אירע אויגן
וואָס איך קאָן ניט זײַן ווי זי.

איך בענק

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער בענק איך צוריק
צום ניגון פון תהילים, דאָס ליד פון מײַן טאַטן,
נאָר ס'האָט זיך צעבראָכן פון אומקער די בריק,
און כ'קאָן זי מיט בענקשאַפט אַליין ניט פאַרלאַטען.

מײַן חלום פלעג פליִען אַ מאָל הויך אין רוים,
הײַנט קריכט ער אויף ד'ערד, ווי אַן אינדיק אַ פעטער,
און איך בין געוואָרן אַ נאַקעטער בוים
אָן פייגל־געזאַנג און אָן רויש פון די בלעטער —

אַ ליידיקער בוים אין אַן אײַזיקער ראַם,
דעם שניי אויפן קאָפּ קאָן קיין זון ניט צעטײַען...
געבליבן איז דאָרטן, אַהינטערן ים,
מײַן חבר — דער הונגער, דער בעל־הכּנפים.

די זעט אָנגעהאַנגען אויף מיר האָט אַ בויך,
אַ משׂא, וואָס בויגט צו דער ערד מײַנע קניִען,
און וויל זיך מײַן חלום אַ הייב טאָן צו הויך,
איז לאָזט אים מײַן גופיקע שווערקייט ניט פליִען.

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער ציט מיך אַהין,
צום נעכטן פאַרגליטן, וואָס כ'היט אים און פיל אים,
אַוווּ ס'פלעגט מײַן טאַטע אין בלויען באַגין
צעוועקן דעם טאָג מיטן ניגון פון תהילים,

וווּ אַלץ איז געווען אַזוי ייִדיש און וואָר,
וווּ ייִדיש גערעדט האָט מײַן קריסטלעכער שכן,
וווּ אויפגעשפּראָצט האָט ווי אַ וווּנדער מײַן דור,
ווי פאָזעמקעס רויטע, באַהאַלטן אין מאָכן.

אַוווּ האָט פאַרוואָרפן מיך דער אַשמדי
אין גאָלדענעם לאַנד, וווּ דער גאָט איז דער עגל,
וווּ אײַנגעשפּאַרט זיצט אין אַ שטײַגל פון בלײַ,
די גאָלדענע פּאַווע — מײַן ייִדישער פויגל.

ווי ייִדיש, מײַן לשון, פֿאַרגייט און ווערט שטום!
פֿאַר וועם שרײַב איך לידער און טראַכט אויס משלים?
אַז קינדערשע ליפּעלעך טראָגן ניט אום
די ווערטער, וואָס כ'פּאָליש אין וואָר און אין חלום.

וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער בענק איך אַהין,
צום נעכטן פֿאַרברענטן אין סמען און פֿלאַמען,
אַוווּ ס'פּלעגט מײַן טאַטע אין בלויען באַגין
צעוועקן אין מיר די גינגאָלדענע גראַמען.

מײַן טאַטנס ניגון

מײַן טאַטנס ניגון פֿון פֿאַרטאָגן
גייט אַלץ מיך נאָך מיט פֿרומע טריט.
די פּסוקים וואָרצלען אין זכּרון,
נאָר ס'זינגט דער ניגון אין געמיט —

אַ ניגון בלויז, נאָר סאַראַ חידוש,
ער ווערט פֿון יאָרן ניט פֿאַרבלאַסט,
איך האָב מײַן מאַמע־לשון ייִדיש
צום טאַטנס ניגון צוגעפּאַסט.

און ס'זינגען זיך די ייִדיש־ווערטער
אַזוי מיר ליב, אַזוי מיר ווויל,
פּונקט ווי אַ מאָל, אַן אויסגעטרערטער,
דער תּהילים אין מײַן טאַטנס מויל.

דער זעלבער טרויעריקער ניגון,
דער זעלבער בעטנדיקער רוף,
ער פֿלעגט אַ מאָל מיך זיס פֿאַרוויגן,
הײַנט וועקט ער מיך פֿון חלום אויף.

צי וועלן מײַנע קינדער הערן
דעם ניגון, ווען איך וועל אַוועק?
דער ספֿק רופֿט זיך אָפּ מיט טרערן,
די טרערן לעשן ניט מײַן שרעק.

נאָר כ'ברום מײַן טאַטנס אַלטן ניגון,
דערקומענדיק צו מײַן פֿאַרגיין.
דער ניגון וועט מיך שטיל פֿאַרוויגן
און בלײַבן אויף מײַן קבֿר שטיין.

ייִנגל מײַנס

פאַר ראַמין

דאָס וואָס כ'האָב געוואָלט און ניט דערוואָרן,
וויל איך, ייִנגל מײַנס, אַז דו זאָלסט זײַן.
מײַנע האַרבסטטעג זײַנען מוכאַמאָרן,
דײַנע מײַטעג זײַנען הימלשײַן.

כ'בין אַ גרויע אומעטיקע יאָדלע,
דו, אַ הויכער, שלאַנקער צאַפּלבוים,
מײַנע נעכטנס זײַנען שטעכעדיקע נאָדלען,
דײַנע פּריִען זײַנען קנאָספּן פון מײַן טרוים.

הייב דײַן קאָפּ אויף העכער איבער דעכער
און צענעם ווי פליגלען דײַנע הענט.
ס'האָט דער דײַטש, דער גזלן און פאַרשוועכער,
מײַנע פליגלען אין אַ פלאַם פאַרברענט.

טראָגסט דעם נאָמען פון מײַן פרומען טאַטן;
וואָס האָט זען דײַן שיינקייט ניט דערלעבט,
זע, למען השם, זאָלסט ניט פאַרראַטן
דאָס וואָס כ'האָב פון היים אַהער דערשלעפּט.

ס'זידלען מיך די וואַכע נעכט און בײַטשן,
בראָטן מיך און ברענען מיך ווי קויל,
מײַנע לידער דאַרף איך דיר פאַרטײַטשן,
ווײַל מײַן לשון פרעמד איז פאַר דײַן מויל.

וואָס איך האָב געוואָלט און ניט דערוואָרן,
וויל איך, ייִנגל מײַנס, אַז דו זאָלסט זײַן...

ווי אַ פונק פון ברענענדיקן דאָרן,
ווי אַ טראָפּן פון געזאַלבטן ווײַן,
גיב איך איבער דיר, אין שטילן ציטער
די חלומות פון ימים ההם.
זײַ דער וועטער־גייער, זײַ דער היטער,
פון מײַן נעכטיקער פאַרברענטער היים...

טאָכטער מײַנע

חנהון

טאָכטער מײַנע, ביסט שוין צוויי און דרײַסיק,
נאָר בײַ מיר ביסטו נאָך אַלץ אַ קינד...
ברוגזט זיך, ווען איך רייד בײַסיק,
און דו ווייסט, אַז בעת־מעשׂהיק
ציטערט נאָך אין האַרץ די ליבשאַפט, קינד!

מיינסט נאָך אַלץ, דאָס לעבן איז אַ פּיאַנע
און די טעג זײַנען די נאָטן פון מוזיק.
ווערסט ניט עלטער, חנה מײַנע, חנה!
אָפט בין איך אַ ביסל דיך מקנא,
כאָטש איך זע דעם אומעט אין דײַן בליק.

ליבסט זיך אַלץ אין אויסגעטראַכטע זאַכן,
ווען דער אמת עפנט אויף די טיר,
נעמסטו און פאַרקלינגלסט אים מיט באַכן
און אין אָוונט גייסטו ווידער שלום מאַכן
מיטן חלום, וואָס פאַרשיכּורט דיך.

טאָכטער מײַנע! ביסט אַ יונגע פרוי שוין,
כאָטש דו בליסט נאָך ווי אַ רויז אין טוי,
צײַט שוין דו זאָלסט דײַן הנהגה טוישן,
האָרכן וואָס די גערע בלעטער רוישן,
ווען דער זומער שטאַרבט אין גאָלד און בלוי.

כ'שווײַג לעם דיר, איך ווייס אַז דו ביסט קליגער,
איך שטאָלציר מיט דיר, אַוודאי יאָ!
נאָר איך בין נאָך אַלץ דאָ ניט קיין היגער,
ס'איז מיר פרעמד דער אמת פון באַטריגער
און דער הפקר, וואָס געוועלטיקט דאָ.

נאָוועמבער 1980

מײַן לשון

מײַן לשון, געהײליקט אין פײַערס
פון דאַכאַו, מײַדאַנעק, טרעבלינקע,
װעסט װידער דעם פֿאָלק װערן טײַער
און ליב װי די טרײַסטע מיזינקע,

װעסט װידער נאָך זיסן אויף ליפּן
פון קינדער מיט אַל דײַנע טעמען,
און פֿאָלקסלידער דײַנע פֿאַרקניפּן
דעם ריס װעלן צװישן די שטאַמען.

עס פלאַטערן אום דײַנע װערטער,
װי אותיות־פֿורחות אין פלאַמען,
אין זײ לעבט דער ניגון פֿאַרטרערטער
פון אונדזער פֿאַרפּײַניקטער מאַמען.

און װער ס'װיל, מײַן שפּראַך, דיך פֿאַרניינען
און מאַכן צו נישט דײַן פֿאַרמעגן,
דער האָט נאָר אַ קאָפּ מיט געשטײנען
און װײסט ניט פון טוי און פון רעגן.

ביסט ייִדיש אַ פרייד און אַ תּענוג
אין רייד, אין געזאַנג און געפּרעפּל,
און יעדער דײַן װאָרט איז מיר װײַניק
און זאַפּטיק אַזוי װי אַן עפּל.

און װערטער מיט װערטער צוזאַמען,
זײ שמעקן װי פעלדער רומיאַנעק,
מײַן לשון געהײליקט אין פלאַמען
פון דאַכאַו, טרעבלינקע, מײַדאַנעק.

ניט אַלץ

ניט אַלץ, וואָס כ'זע אין וואָר און טרוים
איך קאָן באַגרייפן,
צוויי שטערן דרייען זיך אין רוים
אין בלויע רייפן.

איז איינער פאַלט אַראָפּ, אַראָפּ
און איז צערונען,
דער צווייטער יאָגט זיך אין גאַלאָפּ
צעווישן זונען.

אָ, וועמענס גורלדיקע קראַפט
קאַרבט עס די קאַרבן,
אַז דאָס וואָס האָט נאָך האַפט און זאַפט
דאַרף יונג פאַרשטאַרבן?

צי גאָט אַליין שפּינט אויס און וועבט
אַזוי זײַן בעזבוים,
אַז אַל דאָס לעבעדיקע לעבט
אויף יענעמס חשבון?

ניט אַלץ, וואָס כ'זע אין טרוים און וואָר,
איז מיר פאַרשטענדלעך.
ווּ קײַקלט זיך מײַן קרומער דור
אויף גאָלד'נע רענדלעך?

ווּ איז דער חלום וואָס אַ מאָל
האָט אונדז געגינגאָלדט?
ס'האָט אונדז דער זין פון שטיין און שטאָל
אַרומגערינגלט
און דראָט מיט סמען אונדזער בעט
און מיט אַטאָמען.
און מיר, ווי אין אַ הינערפלעט,
מיר זאָגן: אָמן...

וואָר און חלום

דאָס לעבן איז, דאָס לעבן איז
אַ ים פון גרינעם שימל.
דער חלום איז, דער חלום איז
אַ בלויער ווי דער הימל.

און ביידע די, און ביידע די
פאַרשידענע צוויי פאַרבן,
זיי גייען נאָך און ווייען נאָך
דעם מענטשן ביז צום שטאַרבן.

דער חלום איז אַ הימל,
אַ באַשאָטענער מיט שטערן,
עס שאָקלט זיי דער ווינט אַראָפּ,
ווי ברענענדיקע טרערן.

דערפאַר ווײנט אונדזער בענקשאַפט,
וואָס וויל אין וואָר דערווערן,
און וואַרט, ווי ס'וואַרט אַ בלימל
אין ניט פאַרזייטן קערן.

דער מענטש, ער איז אַ בוים אַזאַ
מיט בליִונגען באַשאָטן,
די בענקשאַפט איז זײַן טיפע זאַפט,
דער חלום איז זײַן שאָטן,

ער ציטערט אין געוויטער
און ער שטרעקט צו הייך די צווײַגן,
נאָר כמאַרעס דעקן הימלען צו,
ווער קאָן צו הויך דערשטײַגן?

עס וויגט דער בוים זײַן גרינעם שוים,
און ס'ציטערן די בלעטער,
ביז ווען דער האַרבסט, דער מאָלער, קומט
צו גיין מיט זײַן באַלעטער.

ער פּענדזלט אָפּ דעם גרויען בוים
מיט בלוטיק־רויטע טראָפּנס,
עס ברענט דער בוים, און ס'וויגט זיך קוים
דער טרוים בײַ זײַן צוקאָפּנס.

אַ מזמור צו עניוות

אָנשטאָט זייף געגומען האָב איך אַשן
און מײַן האַרץ אין טרערן אויסגעוואַשן,
איז עס איצטער ווײַס ווי רויער לײַן.

ווער קאָן זען דאָס ריינע האַרץ, דאָס שטילע,
וואָס בלחש תּמיד איז זײַן תּפילה?
אפשר דער, וואָס קוקט אין זיך אַרײַן.

זאַטקייט איז אַזאַ געדיכטע כמאַרע,
וואָס פאַרשטעלט די זון די וווּנדערבאַרע,
אַז מען קאָן ניט זיך אַליין דערזען...

סײַדן דער וואָס לײַטערט זיך אין הונגער
און פאַרהייבט די אויגן צו דער זון גאָר
און ווערט בלינד פון איר צעשײַנטן ברען.

איך האָב מײַנע אויגן אויסגעווײנט שוין
און דעם שטאָלץ דעם נאַרישן פאַרשטיינט שוין,
קאָן איך קוקן אין די אויגן זיך אַליין.

אָנשטאָט זייף געגומען האָב איך אַשן
און מײַן האַרץ אין טרערן אויסגעוואַשן
דאַנק איך גאָט, וואָס כ'ווייס אַז איך בין קליין.

רייד

אָ, ליפּן מײַנע אומפאַרשעמטע,
ווער צווינגט אײַך רעדן גראָבע רייד?
מײַן צונג, צווישן די ציין פאַרקלעמטע,
ווער ווייסט ווי דו נאָך דעם באַשייד?

איז דען אַ שאַנד צו זײַן באַשיידן
אין שרײַעדיקער וועלט אַט דער
און צו פאַרשטעלן זיך אין ריידן,
מען זאָל ניט זען אין מ״ר די טרער.

צי טאָר אַ מענטש ניט וויינען ביטער
אין נעכט, ווען קיינער הערט אים ניט?
עס איז אַוועק דער שוואַרצער שניטער,
נאָר ס׳בלוטיקט נאָך אין מיר זײַן שניט.

צו להכעיס אַלע שיינע לידער,
פאַרזייטע אין מײַן הינטערלאַנד,
דערצייל איך גראָבע וויצן ווידער
און ציטער שטילערהייט פאַר שאַנד.

און בײַ דער נאַכט ווען כ׳קאָן ניט שלאָפן
פון איינזאַמקײַט, פון צער און גרויל,
דערהער איך ווי די לידער שטראָפן
מײַן אומפאַרשעמט און ציניש מויל.

על־חטא שחטאנו בייִדיש

שטעל זיך לעם שפּיגל, בן־אדם,
און קוק זיך אַרײַן אין די אויגן
און לייען דעם כּתב אויף דײַן שטערן —
די אותיות, פאַרקריצט און געבויגן,

פאַרשעם זיך ביז רויט פאַר די ווערטער
און בייג אײַן דעם קאָפּ דעם גרוי־שוואַרצן,
פאַרקלעם אין אַ פויסט דײַנע פינגער
און קלאַפּ מיטן פויסט זיך אין האַרצן:

על־חטא שחטאנו בייִדיש
אין אונדזערע היימען די קרומע.
מיר האָבן די אייגענע קינדער
ניט מדריך געווען ווי קיין פרומע,

ניט מדריך געווען ווי צו גלויבן,
ניט מדריך געווען ווי צו שעצן
דאָס אייגנס און ווי עס דערהויבן,
דערפאַר הײַנט דערהויבן זיי געצן.

מיר האָבן געלאָזט זיי אַוועקגיין
די וועלטן, די נײַע געשטאַלטן,
און זיי ניט פאַרפלאַנצט אינעם האַרצן
די שפּראַך און דעם גלויבן דעם אַלטן.

מיר האָבן פאַרגעסן דעם נעכטן
אין זעט, וואָס דער הײַנט האָט פאַרדאָרבן,
און מקריב געווען די קינדער
צום גאָלדענעם קאַלב פאַר אַ קרבן.

אָ גאָט! ווי ס׳טוט וויי די מחשבה,
ווען אויסגעטאָן שטייען מיר נאַקעט.
עס האָבן ווי רויבפייגל גראָווע
אין אונדז זיך די נעכטנס צעקראַקעט.

זיי פּיקן, און פּיקן, און פּיקן
מיט שנאָבלען מיט שאַרפע און שלאָגן...
ווו זאָלן מיר זוכן אַ תּיקון,
ווער קאָן עס די נעכטנס דעריאָגן?

מיר שטייען פאַרשעמט און פאַרלאָרן
און זאָגן שוין קדיש, ניט קידוש,
און ס'קלאַפּן די פויסטן מיט צאָרן:
על־חטא שחטאנו בייִדיש!!!

שעפ אָן

שעפ אָן פון האַרץ אַ קענדל טרייסט,
ווי זילבערשיַין פון דער לבנה,
און ווו דו גייסט און ווו דו שטייסט,
שטרעק אויס עס ווי אַ גאָטס מתּנה.

ס׳ווערט שטייניקער דעם מענטשנס האַרץ
אין וועלט אָן ליבשאַפט און אָן חלום.
די אַרבל זיַידענע פאַרשאַרץ,
אַן אָרעם נאַקעטן מיט שלום

שטרעק אויס צו יעדן, וועלכער גייט
און קומט דיר אויפן וועג אַנטקעגן,
וויַיל פריַינדשאַפט איז די שענסטע פרייד
און ליבשאַפט איז דאָס גרעסט פאַרמעגן.

די שׂינאה האָט דאָס אויג פון מענטש
מיט בעלמעס פינצטערע פאַרצויגן,
גיי אום און רים און לויב און בענטש
די ליבשאַפט אין דעם מענטשנס אויגן.

און ברענג די וועלטן דעם גערוס
פון ליבשאַפט, ווי די בעסטע גאָבן.
און זאָג אַז ס׳איז דער גרעסטער זכות
אַ יעדן מענטשן ליב צו האָבן.

נאַ, וועלט

ווען איך וואָלט געוווּסט, ווו עס לעבן בשלום
די וואָר און דער חלום, פון מענטשן געאַכט,
וואָלט איך דאָרט אַוועק און אַ טאָרבע מיט חלום
דער גאַנצינקער וועלט אַ מתּנה געבראַכט:

נאַ, וועלט! טו זיך אָן צוויי פֿאַרחלומטע פֿליגל
און הייב זיך אַרויס פון דײַן ווײ און דײַן ווינד,
דער ים בײַ דײַן זײַט איז אַ זילבערן וויגל,
עס וועט דיך פֿאַרוויגן דער ים און דער ווינט.

אַ האַרץ האָסטו, וועלט, פול מיט זאַפטן און זוימען,
אַ זון אין דער הייך און אַ גראָזיקע הויט;
אַ זילבערנע וויג און אַ טאָרבע מיט טרוימען
וועט אפשר דיך אויסלייזן, וועלט, פון דײַן נויט!

ווען איך וואָלט געוווּסט ווו ס'געפינט זיך די גרענעץ
פון שלום, אין וועלכן איך גלייב נאָך נאַיִוו;
כ'וואָלט פון אים שנײַדן אַ פענעץ נאָך פענעץ
און וואָלט עס צעשיקט יעדן מענטש אין אַ בריוו:

נאַט, מענטשן, צעקריגטע מיט זיך און מיט יענעם,
אַ פּיצעלע שלום פֿאַרזייט אין געמיט!
די וועלט איז געוואָרן אַ טייל פונעם גהינום
און מיר, די צעקריגטע, דערזעען עס ניט.

אָ, פּיצעלעך שלום, אין האַרצן פֿאַרזייטע,
זיי וועלן זיך אפשר צעוואַקסן, צעבלענדט,
און מיר שוין מיט אויגן, צעעפנטע, ברייטע,
דערזען וועלן אמתער איינע די צווייטע
און אויסשטרעקן איינער צום צווייטן די הענט.

שלום־פּאָנען

הענגט אויף פענצטער און באַלקאָנען
אויס די ווײַסע שלום־פּאָנען —
קינדערישע וויקעלעך,
און פאַרשרײַבט דעם אַלטן חלום
פון אַ פרײַער וועלט און שלום
אויף די ווײַסע וויקעלעך.

פענער ברוינע, פענער רויטע
ס׳איז די פאַרב פון בלוט און טויטע,
ניט די פאַרב פון וויקעלעך,
לאָזט משיחס וווּנדער־מעשׂה
פלאַטערן אין ווינט אויף ווײַסע
קינדערישע וויקעלעך.

קינאה האָט די וועלט צעשפּאָלטן,
שׂינאה האָט די וועלט פאַרשאָלטן,
און די ווײַסע וויקעלעך
וואַשן מאַמעס אויס, אלמנות
אין די טרערן פון רחמנות
יתומדיקע וויקעלעך.

הענגט אויף פענצטער און באַלקאָנען
אויס די ווײַסע שלום־פּאָנען —
קינדערישע וויקעלעך.

ניט דערשרעקן זאָל דער נאָמען
פון צעשפּאָלטענע אַטאָמען
אַלע ווײַסע וויקעלעך.

אויף יעקבס לייטער

אויף יעקבס לייטער זײַנען מיר געקראָכן,
די שײַן פון שטערן האָבן מיר באַגערט,
האָט ווער דעם לייטער אין דער האַלב צעבראָכן,
איז לעבן מיר ווי אַלע אויף דער ערד,

אין אויסגעפוצטע, אויסגעצירטע שטיבער,
די ווענט מיט בילדער ביליקע באַקלעפּט,
מיר ריידן נאָך דעם זעלבן אַלטן דיבור,
נאָר אונדזער חלום האָט זיך אויסגעוועבט.

מיר זוכן שוין ניט אין דער הויך די שטערן
און ניט פון אונדזער נעכטן די עמבלעם,
מיר האָבן זיך געענדערט און מיר ווערן
קלײנבירגערלעך אין טראַכטן און באַנעם.

מיר זוכן שוין די פּוסטע פאַרגעניגנס,
מיט וועלכע ס'קויפט אונדז אונטער אונדזער זעט.
כאָטש אַלע מעלה־גרהן מיר ווי ציגן
די תּורות פונעם נעכטיקן העט־העט...

מיר הייבן שוין ניט אויף די קעפּ פאַרריסן
צום הימל און מיר זוכן ניט דעם שם.
אויב ס'פּײַניקט נאָך אַ מאָל אונדז דאָס געוויסן,
פאַרשמירט מען עס מיט פּודער און מיט קרעם.

און ווידער גייט מען, שמייכלענדיק, פאַרברענגען
אַבי אַווּ, פאַרפּוצט און אויסגעקליידט.
עס לאָקן אונדז „די טענצע און געזענגעע",
וואָס מיר האָבן פאַרשריִען יונגערהייט.

מיר זעען ניט ווי קאָמיש און ווי נאַריש
מיר זעען אויס אין אונדזער נײַער ראָל.
געדענקט נאָך ווער ווי שיין און וווּנדערבאַר איז
געווען אונדזער חלום פון אַ מאָל? —

דער דראַנג אַרויף צו בעסערס און צו שענערס,
דער וויַיטערגאַנג צו יושר און צו רעכט,
דער ווינטגעוויי פון פלאַטערדיקע פענער,
דער גלויבן, וואָס געווען איז יונג און עכט.

הײַנט לעבן מיר אין אויסגעפוצטע שטיבער,
ניט ווי די טאַטעס האָבן אונדזערע געלעבט,
מיר ריידן נאָך דעם זעלבן אַלטן דיבור,
נאָר אונדזער חלום האָט זיך אויסגעוועבט.

דערצייל ניט קיינעם

דערצייל ניט קיינעם פון דײַן טרויער,
באַהאַלט אין זיך דײַן שוואַרצן צער,
האָב פײַנט רחמנות און באַדויער,
ווײַל יעדער טרייסטוואָרט איז אַ נאַר.

דער ווייטיק איז פאַר דיר אַליין נאָר
פון שטילסטן ניגון אַן אַקאָרד,
דו קאָנסט אים בײַסן מיט די ציינער,
נאָר ניט פאַרשטילן מיט אַ וואָרט.

אַ יעדער לשון איז צו אָרעם
צו קאָנען ווערן אַ באַשייד
פאַר יענעם גליִענדיקן וואָרעם,
וואָס טאָטשעט אונדזער אינגעווייד.

דערצייל ניט קיינעם פון דײַן טרויער,
דעם ווי פאַרשטייט נאָר דער וואָס לײַדט,
אַ צער דערגרייכט ניט יענעמס אויער,
ער גליט נאָר אויס אין איינזאַמקייט.

אַוועק

ליאָלען

עס האָט אַ רעגנדיקער וואָלקנדל
זײַן בליק פֿאַרנעפּלט און פֿאַרצויגן,
פֿאַרשווונדן איז דאָס ליבע מענטשעלע,
וואָס האָט געווױנט אין זײַנע אויגן.

פֿאַרשוויגן שמייכלען שוין די ליפּן ניט,
וואָס פֿלעגן זיך פֿון פֿרייד צעפֿלאַפּלען.
אַן אומעטיקער איז זײַן שווער געמיט
און זײַנע אַפּלען צאַפּלען, צאַפּלען.

די פּיאַנע שטייט ווי אַ פֿאַרגעסענע,
כאָטש אויפֿגעמישטע ליגן נאָטן,
און אויפֿן בענקל דעם געזעסענעם
זיצט בלויז דער אָפּדרוק פֿון איר שאָטן.

די שטוב אַ טרויעריקע, ליידיקע,
איז אויסגעהוילט פֿון שפּיל און קלאַנגען.
עס זײַנען אַלע טעג די פֿריידיקע,
שוין אויך מיט איר אַוועקגעגאַנגען...

1973

פאַר וואָס

ביימער שטאַרבן, שטייענדיק,
מענטשן שטאַרבן, ליגנדיק.
ווייל איז דעם צו ווענעמס בעט
ס׳קומט דער טויט, פאַרוויגנדיק.

נאָר ווען ס׳פאַלט אַ בוים פון שלעכטס
ווען מען טייט אים, זעגנדיק,
שפּאַלט דער עכאָ פון זײַן קרעכץ,
אַלע הימלען פרעגנדיק:

אויך אין מיר אַזוי געריעדט,
נעמען ווערטער פלאַטערן
ווען כ׳זע אַ מענטשן — אַ סקעלעט —
פאַרן טויט זיך מאַטערן.

און איך פרעג ביי דעם, וואָס בלויט
אין דעם הימל שײַניקן,
פאַר וואָס שיקט ער ניט דעם טויט
אָן דעם מענטש צו פּײַניקן?

אַלץ ליגט שווײַגנדיק

אַלץ ליגט, שווײַגנדיק, באַהאַלטן,
אין דעם כּמות פון אַ מענטש,
און מען ווייסט ניט אין זײַן שאַלטן
צי ער שילט אונדז, צי ער בענטשט.

ליבשאַפט נעסטיקט אין זײַן שמייכל,
אין זײַן האַרצן ווײנט די שולד
און פאַרטײַעט אין זײַן שׂכל
ליגט און לאָקערט דאָס געדולד.

קינאה ווינט אין זײַנע אויגן,
שׂינאה גלימערט אין די ציין,
און אין חושים, ווי אין רויגן,
שלאָפט די שרעק פאַר זיך אַליין.

אַלצדינק איז דעם מענטשן ווייניק.
מעג ער האָבן פראַכט און פּוץ,
ווערט ער גיריק און שאַרפציייניק
לויערן אויף יענעמס גוטס.

און דער חלום? וועלכער חלום?
דער גינגאָלדענער פאַרמעסט!
אויך דער מענטש, וואָס זאָגט אײַך שלום,
דרייט זיך אויס און אײַך פאַרגעסט...

איך אַליין, וואָס שרײַב די גראַמען,
קאָן אַליין זיך ניט פאַרשטיין,
איך, וואָס וויל דאָס בייז פאַרצאַמען,
ציטער אָפט פאַר זיך אַליין.

ווײַל אין מענטשן לעבט די חיה
פונעם אוראַלטן אַמאָל
און דער חלום פון ישעיהון
יאָמערט אין יחזקאלס טאָל.

אפשר, ווען דער טאָל פון ביינער
אויפשטיין וועט אין זונפאַרגיי,
וועט ישעיהוס חלום שיינער
פלאַטערן אַריבער זיי.

קאָלירן

ס'איז דאָ אַ בענקשאַפט, וואָס איז בלוי,
ווי בלוי דער הימל אין קאַיאָר איז,
זי פאַלט פון אייך אַראָפּ ווי טוי,
און דרינגט אַרײַן אין אַלע פאָרעס,

און שטילער ווערט אין דעם געמיט,
ווי שטיל עס ווערט די וועלט אין דעמער,
ווען ס'גייט אַוועק דײַן באָרוועס ליד
צום בלויען קוואַל מיט גרינגע טריט
און ברענגט צוריק צוויי פולע עמער.
ס'איז דאָ אַ בענקשאַפט, וואָס איז בלוי.

ס'איז דאָ אַ ליבשאַפט, וואָס איז ווײַס,
ווי ווײַס אַ בוים ס'איז אַ צעבליטער.
זי קוואַלט אין האַרץ ווי שמן זית,
אין פרילינג און אין האַרבסט־געוויטער,

אַוווּ זי קומט, ברענגט זי אַ קוואָרט
מיט טרײַער טרייסט אין שעהען טריבע
און האַרפּיק, האַרציק קלינגט איר וואָרט,
וואָס ווערט געלײַטערט און געקלאָרט
אין קלאָרן קוואַל פון ריינער ליבע.
ס'איז דאָ אַ ליבשאַפט, וואָס איז ווײַס.

ס'איז דאָ אַ שׂינאה, וואָס איז רויט,
ווי בלוט פאַרגאָסנס אויף די שנייען.
זי ליגט פאַרטײַעט טיף אין הויט,
ווי ס'וואָלט עס ווער אין האַרץ פאַרזייען,

און ווען עס קומט אָן אַ מינוט,
פאַרשטאָכן מיט איר האַס דעם מיאוסן,
ווערסטו, ניט ווילנדיק, אַ ברוט,
אַ גרייטער צו פאַרגיסן בלוט,
אַפילו שפּעטער זאָל פאַרדריסן.
ס'איז דאָ אַ שׂינאה, וואָס איז רויט.

ס'איז דאָ אַ קינאה, וואָס איז שוואַרץ,
ווי שוואַרץ עס איז אַ נאַכט אָן שטערן.
זי ליגט באַהאַלטן אינעם האַרץ,
אַז קיינער זאָל זי ניט דערהערן.

נאָר זעט זי שײַן אין יענעמס הויז,
קריכט זי אַרויס פון טיפן האַרצן
און מיטן צינגלבראַנד און ברויז —
נעמט זי פאַרשמירן קליין און גרויס
און עס מיט סאַזשעפאַרב פאַרשוואַרצן.
ס'איז דאָ אַ קינאה, וואָס איז שוואַרץ.

ס'איז דאָ אַ גאווה, וואָס איז גרין,
ווי גרין עס איז די פאַרב פון שימל,
זי שפּראָצט, צעוואַקסט זיך אינעם זין
ווי ווילדגראָזן אַרום אַ בלימל,

ביז ווערסט בײַ זיך אַליין אַ גאָט,
אין זיך אַליין אַן אײַנגערעדטער,
און ס'ווערט דײַן גאווה אַ געבאָט,
פאַר יעדעס וואָרט און יעדער טראָט,
וואָס מענטשן אויף די פּיאַטעס טרעט ער.
ס'איז דאָ אַ גאווה, וואָס איז גרין.

אין יעדן מענטש לעבט אַ געמיש
און אַ פיל־מיניקייט פון פאַרבן,
בײַ וועמען פיל, בײַ וועם אַ קריש,
פאַרוואָרצלט אין זײַן פלייש און שאַרבן.

נאָר ווייניק מענטשן זײַנען דאָ,
וואָס קאָנען עס אין זיך באַזיגן,
דאָס גראָ משנה זײַן אין בלאָ
און ווייסן, צווישן ניין און יאָ
שטייט אַן אילוזיע בלויז, אַ ליגן.
אין יעדן מענטש לעבט אַ געמיש.

וואָס זיידלסטו אונדז, וועלט

וואָס זיידלסטו אונדז, וועלט צעשריִענע,
וואָס שילסטו אונדז מיט אַ געהויל,
מיט ליגנס גראָבע אויסגעליִענע
פון ברוינעם און פון רויטן מויל.

אויך אונדז טוט ווי דאָס בלוט פאַרגאָסענע,
דאָס בלוט פון אונדז און אויך פון זיי,
די יונגע לעבנס די צעשאָסענע,
די גראָע קברים ריי נאָך ריי.

מיר לעבן טראַגישע, פאַרביטערטע,
מיט מערדערס — הינטער יעדער שטיין.
נאָר אונדזער האַרץ ווערט נאָך פאַרציטערטער,
ווען מיר פאַרגיסן בלוט אַליין.

מיר האָבן אָקאָרשט זיך פון קעלערן
געראַטעוועט און פון קאַצעט,
יאָ, מיר באַגייען אָפט מאָל פעלערן,
נאָר ווער באַגייט עס ניט קיין חטא ?

וואָס זיידלסטו אונדז, וועלט צעשריגענע,
וואָס מאַכסטו אונדז צו שפּאָט און שאַנד ?
ווען שוואַרצע רויכן אויפגעשטיגענע
דערציילט האָבן פון אונדזער בראַנד

אין קאַלכאויוונס, אין פלאַמען גאַזיקע,
מיט ווייַב און קינדער אין צעצונד,
פאַר וואָס האָסטו דאַן, וועלט שיין־פּראַזיקע,
געשוויגן ווי אַ טויטער הונט ?

יאָ, מיר געדענקען יאָרן פאָריקע,
מיט בלוט־בילבולים דורכגעוועבט,
ווען דו האָסט אונדז מיט לאַפּעס האָריקע
אין אויטאָ־דאַ־פע־פלאַם געשלעפּט.

און מיר פֿאַרגעסן די פּאָגראָמען ניט,
די פֿלאָג פֿון פֿײַער און פֿון שווערד,
און אַל דאָס בייז, וואָס האָט קיין נאָמען ניט
אין יעדן ווינקל פֿון דײַן ערד.

מיר האָבן פֿון אַ מדבר לײדיקן
אַ היים געמאַכט פֿאַר ווײַב און קינד,
איצט ווילן מיר עס בלויז פֿאַרטיידיקן
מיט אונדזער בלוט. איז עס אַ זינד?

איז עס אַ וווּנדער, אַז מיר שרעקן זיך
פֿאַר זייער גורל אָן אַן ענד?
איז אונדזער שולד, וואָס עס פֿאַרפֿלעקן זיך
מיט מערדערבלוט אונדזערע הענט?

אונדז טוט מער ווי דאָס בלוט פֿאַרגאָסענע
פֿון אומשולדיקע, אויף דער וועלט,
די יונג־פֿאַרקרימטע, פֿרי צעשאָסענע,
און יעדערער פֿון אונדז פֿאַרשעלט

די דרײַ מלחמות אויפֿגעצוווּנגענע.
מיר זײַנען טרויעריק און מיד
פֿון שלעק פֿרײַוויליקע, געדונגענע,
וואָס לויערן אין אונדזער מיט,

וואָס צינדן פֿעלדער אָן און שײַערן
און מאָרדן קלײנע קינדער אויך.
וואָס שווײַגסטו דאַן, באַהאַרצטע שרײַערין?
פֿאַרגלאָצסט די אויגן צו דעם הויך

און זידלסט אונדז, אַ ווילד צעשריִענע,
מיט טויטע קללות און געהויל,
מיט עפּיטעטן אויסגעליִענע
פֿון ברוינעם און פֿון רויטן מויל.

וועלכער חכם

וועלכער חכם האָט דערקענט שוין
פון באַשאַף דעם סוד ?
צי האָט גאָט געמאַכט דעם מענטשן,
צי די מענטשן — גאָט ?

צי האָט גאָט דעם מענטש באַשאַפן
אין זײַן גאָטגעשטאַלט ?
צי מיר שטאַמען פון די אַפן
ווי רב דאַרווין האַלט.

אַלץ איינס איז זיך גוט צו גריבלען,
זוכן צו פאַרשטיין
די וועדאַנטאַס, צי די ביבלען,
צי גאָר זיך אַליין.

אַלץ איינס איז דער סוד, דער סטימול,
וואָס האָט אונדז באַוועגט,
אומזוכן אַ גאָט אין הימל,
שטאַרבנדיק אויף דר׳ערד.

איך בין אַ סילועט

געצייכנט פון גאָטס פּענע,
אין בלוט שרײַט אַ פּאָעט,
אויף ליפּן — אַ געבעט,
און אין מײַן טיפסטן העט —
אַ יאָמערדיקע היִענע.

ווען נאָר איך בלײַב אַליין
מיט זיך און מיט מײַן שאָטן,
דערשפּיר איך אויף די ציין
דאָס ביטערניש פון כריין,
וואָס ליגט אין מײַן געביין
מיט גרויען אַש פאַרשאָטן.

פאַר וואָס איז מײַן געמיט
מיט שטרויכלען פול און אַנגלען,
פאַר וואָס מוז איך מיך מיט
מײַן משל און מײַן ליד
אויף טויט און לעבן ראַנגלען ?

ניט שוין זשע שפּראָצט אַ זוים
אין מיר, אַ ווילד פאַרזייטע,
אַז ווען איך דרעמל קוים,
דאַרף איך אין שווייס און שוים,
זיך ראַנגלען מיט מײַן טרוים,
ווי יעקב אויף דער לייטער.

און ס׳העלפט ניט מײַן געשריי,
מײַן רוף דער ניט דערהערטער.
מײַן שקיעה אין פאַרגיי
צעשפּאַלט זיך אויך אויף צוויי,
און בלוטיקט אויך אַזוי
ווי מײַנע רויע ווערטער...

ס'פאַלן שטערן

שטערן פאַלן — בלויער קימל —
פונעם רוים,
אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל,
שטייט אַ בוים.
שוין פאַרזייט די געלע בלעטער
אויפן וועג,
איצטער וואַרט ער, אַט־אָט שפּעטער
קומט די זעג...

אויכעט איך שטיי, אַ פאַרשטומטער,
ביַי די ווענט —
מיט מיַין קאָפּ דעם אויסגעקרימטן
אויף די הענט.
פונעם הימל פאַלן שטערן
אויפן שניי.

באַלד וועל איך פאַרלאָשן ווערן
פונקט ווי זיי.

די שטילקייט רעדט

די שטילקייט רעדט

די שטילקייט רעדט מיט שטומע ווערטער,
פֿאַרמאַך די אויגן הער און האָרך!
עס פֿלאַטערט הויך אַן אויסגעקלערטער
אַ ווײַסער חלום, ווי אַ שטאָרך.

וואָס ברענגט ער אונדז פֿון רויטע הימלען
אַ ווײַסן פֿעדער פֿון אַ טויב?
עס פֿוילט די ערד, די טײַכן שימלען
און נעפּלען הענגען גרוי פֿון שטויב.

אַהינטער צוגעמאַכטע וויִעס
שלאָפֿט אונדזער האָפֿענונג און טרוימט
פֿון אַ ישעיהושער נביאות,
וואָס האָט אין ערגעץ זיך פֿאַרזוימט.

פֿאַרסמטע, פֿאַלן טויטע פֿייגל
אַראָפּ פֿון הימלען אויף דער שטאָט.
אַ נײַער גאָט, — דאָס אַלטע עגל —
איז ווידער דאָ געוואָרן גאָט,

און מיר, די טרוימערס און די זוכערס
געבויגן שטייען אויף דער האַלב;
צעבראָכן ליגן אַלטע לוחות,
און ס׳טאַנצט דאָס פֿאָלק אַרום אַ קאַלב!

טאָראָנטאָ, יולי 75.22

אָ, גאָט, האָב רחמנות

אָ, גאָט, האָב רחמנות אויף די, וועלכע גייען
אַרום אויף דײַן וועלט, אײַנגעשפּאַלטן אויף צווייען,
און פירן אָן אויפהער אין חושך אין שוואַרצן
די שטענדיקע קריג צווישן מוח און האַרצן.
זיי שטייען פּאַראייִנזאַמט און וויגן דעם קאַלטן,
אַזוי ווי אַ ווערבע בײַם וואַסער אַ מידע,
וואָס ס'האָט זי אַ דונער אויף צווייען צעשפּאָלטן:
דעם מוח אין צאַם און דאָס האַרץ אין מרידה.

אָ, גאָט, האָב רחמנות אויף די, וועלכע קריכן
אַרום אויף דײַן וועלט, צו די שרצים געגליכן,
וואָס בייגן די קני און וואָס נייגן די קאַרקן
און בייגן דעם קאָפּ אײַן צו קושן דעם שטאַרקן.
זיי האָבן פאַרגעסן די שׂרפֿות און אימות,
און האַנדלען מיט גאָלד און באַצאָלן מיט מורא,
זיי קײַען ווי בעק אויסגעלײַענע שמות
און קומען דערנאָך עס פּאַר אונדז מעלה־גרהן.

אָ, גאָט, האָב רחמנות אויף די, וועלכע מיינען,
אַז פּויסט איז אַ דײַן און די, וועלכע וויינען,
זיי זײַנען נאָר ביימער מיט פּעך אויף די קאָרעס,
וואָס וואַקסן פאַר העק אָנגעשאַרפטע, אַ סברה,
זיי זאָגן אַז יושר און בלוט איז זיי ניחא,
אַזוי ווי דער מולך אין פײַער געפּאָרבן,
זיי האָבן אַ תּירוץ פאַר גרויל און רציחה,
אַז דאָס איז פאַר זייער משיח דער קרבן.

אָ, גאָט, האָב רחמנות, ווײַל ס'ווילט זיך מיר כליפּען,
ווען כ'זע דײַנס אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן,
באַגלייט מיטן פּזמון פון זייערע ריכטער,
אַז בלוט איז דאָס שמיראייל אויף ראָד פון געשיכטע.

ס׳איז אומעטיק, גאָטעניו, טרויעריק, פּאָטער,
כ׳באַהאַלט, ווי אַ ווערבע, מײַן קאָפּ אין די דלאָניעס.
איך וויג זיך אין שטורעם און פליסטער און סטאָטער:
— אָ, גאָט האָב רחמנות!...

חלום אויס

חלום אויס אַ ווײַסן בוים,
וואָס שטענדיק, תּמיד בליט ער,
און אויפֿן בוים — אַ בלויען טרוים —
אַ פֿויגל אין געצוויטער.

דער הימל איז אַ פֿינצטערער
און אַלע שטערן שלאָפֿן,
נאָר בלויז איין שטערנדל — אַ טרער —
האַלט זײַנע אויגן אָפֿן.

ווער וויינט עס מיט איין טרער בײַ נאַכט,
אַ טרער וואָס גליט אָן ענדע?
אָ, גאָט, וואָס האָט די ערד פֿאַרפּאַכט
צום שׂטן אין אַרענדע.

אַ שׂטן, וואָס זײַן דורשט איז בלוט
און גרוילן — די הנאות,
און גאָט אין חצות, ווען ער רוט,
דערזעט זײַן גרויסן טעות,

איז לעשט ער אַלע שטערן אויס
לאָזט נאָר אַ שטערן איינעם —
איין שטערנדל אַזוי די גרויס,
זײַן טעות צו באַוויינען.

ס'איז אָן חלומות שווער צו זײַן
אַ מענטש אַ זינגעוודיקער,
און אויך אַ נאַכט אָן שטערנשיין
איז עפּעס מוראדיקער.

טאָ חלום אויס אַ ווײַסן בוים,
וואָס שטענדיק, תּמיד בליט ער,
און אויפֿן בוים — אַ בלויען טרוים,
אַ פֿויגל אין געצוויטער.

אַ סוד

בלויער אומעט, ווײַסע פריידן,
טאַפּנדיקע טריט.
ניט דערזאָגן, ניט דעררײדן
וועל איך דיר מײַן ליד...

פונעם חלום מיר צוקאָפּנס
און פון טיפסטער טרער
שעפּט זיך אָנעט נאָר אַ טראָפּן,
בלויז אַ שפּריי ניט מער.

אין די הערצער פון פּאָעטן
וויינט די שענסטע ליד,
נאָר אַרויסשעפּן אין גאַנצן
קאָן עס קיינער ניט.

אפשר איז אַ רמז בעסער
פון דער וואָר אַליין ?
יעדער זוכט אין ליד אַ כּתר,
וואָס באַהאַלט אַ מיין,

יעדער וויל אין ליד דערבליקן
אַ געהיימען סוד,
און דאָס ליד געפינט אַ תּיקון,
אין זײַן סוד וויינט גאָט.

אַ תּפילה

גאָטעניו, שענק מיר די ווערטער
פאַר אַלץ וואָס עס טוט אין מיר נאָגן,
עס פעלן מיר ווערטער באַשערטע
און כ׳קאָן ניט מײַן מזמור דערזאָגן.

איך שטיי ווי אַ בוים ערב־זומער,
פון זאַפטן און זון אַ צעבליטער,
מיט טרערן אויף ליפּן אויף שטומע
און קאָן ניט פאַרטײַטשן מײַן ציטער.

עס רינען אין מיר די דמיונות
און קלינגען ווי גלעזערנע רינגען,
נאָר כ׳קאָן ניט פאַרטײַטשן חלומות
מיט מענטשלעכע ווערטער, וואָס זינגען.

איך שוועב, און איך לעב ווײַט פון דאַנען,
אין ערגעץ פאַרכּישופטע היילן,
ווו ס׳איז אַזוי לײַכט צו דעראַנען
און ס׳איז אַזוי שווער צו דערציילן.

בײַ נאַכט, ווען דו שרײַבסט אין די הימלען
מיט כּתב פון צעפינקלטע שטערן,
דײַן סוד, וועלכער טוט אין מיר דרימלען
אַזוי ווי אין שוואַרצערד אַ קערן,

פאַרהייב איך דעם קאָפּ צו די הייכן
און זוך זיך אַליין צו דערקלערן,
נאָר כ׳קאָן ניט באַנעמען דײַן תּוכן,
כאָטש כ׳לייען דעם כּתב פון די שטערן.

גאָטעניו, שענק מיר די ווערטער
איך זאָל דיך פאַרטײַטשן מיט טרערן.

לערן מיך

לערן מיך גערענקען, ניט פֿאַרגעסן
אַלע מײַנע נעכטיקע מעת־לעתן,
אַלע מײַנע אומוועגן אין גיין.

לערן מיך אין ווײַטערגאַנג גערענקען
אַלע ווילדע שטעגן פֿון מײַן בענקען,
כ'זאָל אין גאַנג דערגיין צו זיך אַליין.

כ'בין געגאַנגען זוכן זון און טרוימען
אין די טיפֿע תּהומען, אין די הויכע רוימען,
אומעטום האָב איך געשיקט מײַן טראָט,

ביז כ'האָב אויף דער עלטער אויסגעפֿונען
אַז ניט אין דעם אויסגעשטראַל פֿון זונען,
נאָר אין האַרץ פֿון מענטש אַליין וווינט גאָט.

בעט איך גאָט צו פֿורעמען מײַן לעבן,
כ'זאָל זיך קאָנען ביזן טויט צעגעבן,
אויך מײַן פֿלייש זאָל מיר ניט זײַן קיין שאָד.

לערן מיך, אַז געבן זאָל מײַן פֿרייד זײַן
און אַז געבן זאָל איך תּמיד גרייט זײַן,
איך זאָל ווערט זײַן דו זאָלסט וווינען אין מיר, גאָט.

האַר פון אַלע וועלטן

האַר פון אַלע הימלען, ווער דו זאָלסט ניט זײַן,
צי אַ גאָט אַ בלויער, צי אַ בלאָנדער חלום,
נעם די וועלט די מידע אין דײַן שויס אַרײַן
און צעצינד אויף איר די בלויע זון פון שלום!

עס פלאַקערט איבער אונדז אַ שטערן־רויטער מעש,
און זײַן פלאַקער, זאָגט מען, צינדט אָן די מלחמה.
האַר פון אַלע וועלטן! נעם אים און פאַרלעש,
פריידיקער זאָל ווערן אויף דער וועלט דער לאָמער.

צו פיל, צו פיל קינדער שטאַרבן פאַר דער צײַט,
צו פיל מאַמעס וויינען איבער פרישע קברים,
און משיח קומט ניט, דאַכט זיך, אַז ער רײַט
אויף זײַן ווײַסן אייזל נאָר אין אַלטע ספרים.

כאָטש מײַן קליינע תּפילה איז שוין זייער אַלט,
זײַנען פייגל־ווערטער ווידער אָנגעפלויגן,
שטעק אַרויס דײַן פינגער דורך אַ כמאַרעשפּאַלט,
זאָל ער אונדז דערפרייען ווי אַ רעגן־בויגן!

צו פיל בלוט פאַרגיסט מען אויף דײַן ערד אין פּײַן,
און געבליבן זײַנען ווייניק מקובלים,
נעם די וועלט די מידע אין דײַן שויס אַרײַן
און צעצינד אויף איר די בלויע זון פון שלום!

שטערן־טרערן

אַ שטערן פֿאַלט,
זײַן פֿאַלן שטראַלט,
אַ וועג פון ליכט צעשיינט זיך נאָך אים.
אַ שמאָלער וועג,
וואָס פירט אַוועק
צו דער אַלעע פון מלאכים.

ווען איך דערזע
אַ שטערן־סנע,
וואָס פֿאַלט אַראָפּ און ווערט פֿאַרלאָשן,
טוט שטאַרק מיר ווײ
זײַן שטום געשריי,
נאָר איך פֿאַרשטיי ניט שטערן־לשון.

וואָלט איך געקענט
די שפּראַך, וואָס ברענט
און פינקלט איבער אונדז פֿאַרחידושט,
וואָלט איך פֿאַרטײַטשט
אויף עיברי־טײַטש
די ווערטער זילבערנע אויף ייִדיש.

נאָר איך דערמאָן
בלויז אין מײַן שפּאַן
דעם מיין פון פֿאַלנדיקע שטערן:
דאָס ווײנט בסוד
אַן אַלטער גאָט,
וואָס וויל די וועלטן ניט צעשטערן.

וויינענדיקע נעכט

דער הימל וויינט מיט גרינע שטערן,
וואָס פאַלן פון דער הייך, ווי טראָפּנס,
און די לבנה — דעם לאַמטערן
פאַרלעשן וואָלקנס מיר צוקאָפּנס.

די נאַכט צעעפנט ווי אַ סידור,
מיט בלויע תּפילות שעפּטשעט — שלום!
עס בלאָנדזשען אום פאַרטרערטע לידער
אין וואַלד פון מײַן פאַרוועלקטן חלום.

די גראָע שעהן קריכן, קריכן,
ווי טשערעפּאַכעס אויף געשטיינען;
און האַרט ווי שטיין ווערט מיר מײַן ציכל
אין בלויע נעכט, ווען שטערן וויינען.

מײַן גאָט

כ׳האָב קיין מאָל דעם נוקס־ונוטרישן גאָט
ניט פֿאַרשטאַנען,

מײַן גאָט איז פֿון תּמיד געווען דער
אל רחום וחנון.

אַ גאָט, וואָס באַדאַרף ניט קיין לויב און קיין רום
און קיין קידוש,

פֿאַר אים זײַנען תּפֿילות אויך לידער,
געשריבן אויף ייִדיש.

מײַן גאָט דאַרף ניט האָבן קיין רביס אין טונקעלע טאָגעס,
ער הויזט ניט אין רײַכע, פֿאַרפּוצטע מיט גאָלד סינאַגאָגעס.

ער איז ניט קיין ריכטער, קיין שטראָפֿער, אַ טאַטע איז ער
און אַ היטער,

אַ ליכטיקער שטייט ער אין מיר און ער רוישט,
ווי אַ בוים אַ צעבליטער.

עמעץ

עמעץ גייט מיר נאָך — אַ נסתּר,
צי אַ שאָטן שטילערהייט,
כ׳זע אים ניט, נאָר כ׳הער זײַן פליסטער
און פאַרשטיי ניט זײַנע רייד.

כ׳זע אים ניט, נאָר כ׳הער זײַן אָטעם,
גלייבט זיך ניט, ווען איך דערזע
אינעם זאַמד, ווו כ׳האָב געטראָטן,
זײַנע טריט די באָרוועסע.

קאָן עס זײַן, ער איז מײַן היטער,
צי מײַן ווײַסער יצר־טוב?
וואָס זשע טוט ער אין געוויטער,
אין די שעהען ווען איך שלאָף?

כ׳ווייס אַליין ניט וואָס צו קלערן,
נאָר איך ווייס, אַז ווען ניט ווען,
וועט ער אויכעט מיך דערהערן,
איך זאָל קאָנען אים דערזען.

וואָס איז

וואָס איז אויפֿן ראַנד פֿון רעגן־בויגן, טרערן
פֿון אַ גאָט, וואָס וויינט מיט פֿאַלנדיקע שטערן:

איבער מילכוועגן און פֿלאַמיקע פּלאַנעטן,
בלאָנקעט אום דער חלום פֿון פּאָעטן.

הינטער אונדז יאָר־טויזנטער, מיליאָנען,
צעשאָטענע, ווי האַרבסטבלעטער פֿון קליאָנען,

פֿאַר אונדז אַ ווילדע ווימלעניש פֿון צײַטן
און ערדהויטן, וואָס האַלטן זיך אין בײַטן.

ווי אַשפּונקען פֿון ברענענדיקע סטויגן,
גליט אַלץ דער שׂינאה־פֿלאַם בײַ מענטשן אין די אויגן.

און ווי די אורטאַטעס אין פֿינצטערניש פֿון היילן,
איז מען הײַנט נאָך גרייט אַ מענטשן־קרבן קוילען.

אויסגעטראַכט און אויסגעזוכט און אויסגעפֿונען,
האָט מען וווּנדערס, אײַנגעצאַמטע שטראַלנשײַן פֿון זונען,

ניט אויף איבערבויען, ניט אויף בעסער ווערן,
נאָר אויף ווילדער וויסטעניש, אויף טייטן און צעשטערן.

ס׳טראָגן צו די מילכוועגן ראַקעטן
ניט דעם חלום פֿון נביאים און פּאָעטן.

אויפֿן ראַנד פֿון רעגן־בויגן הענגען טרערן
פֿון אַ גאָט, וואָס וויינט מיט פֿאַלנדיקע שטערן.

שקיעהדיק

די שקיעה איז אַ זיגלראָד
פון טריוואָקס אויפן הימל.

עס וויגט אַ בוים אין טיגלסאָד
אַ פייגלשן געווימל.

דער אָוונט קומט אַ באָרוועסער
פון מערב־זײַט צו שלײַכן,

אַ קילבלעכער ווי נאָר וואָס ער
אַרויס וואָלט פונעם טײַכל.

אַ ווינט נעמט עפּעס פליסטערן
אַ סוד קוים־קוים צו הערן.

עס שרײַבט אַ בלויער נסתּר אָן
אין הייך מיט געלע שטערן

אַ כּתב, אַ היעראָגליפישן,
וואָס שפּיגלט זיך אין שויבן,

וויל קיינער אין דער טיפעניש
די אויגן ניט פאַרהויבן.

דער מענטש ווערט אין זײַן שימלעניש
אַלץ בלינדער און פאַרטרערטער,

און ס'לעשן זיך אין הימלען אויס
די שטערנדיקע ווערטער.

בײַ נאַכט

פֿאַר נאַכט, ווען ס'לייגט אויף רויטע קישנס
די זון אַוועק איר גלען קאָפּ,
און אויף אַ בלויען ווינט אַ פֿרישן,
גייט אויף די וועלטן גאָט אַראָפּ,

צינדט אָן אַ מלאך די לבנה,
ווי אַ פֿאָנאַר אין מיטן פֿעלד,
און גאָט נעמט דעם פֿאָנאַר אין דלאָניע
און גייט באַוואונדערן זײַן וועלט.

ער גייט, פֿאַרוויקלט אין אַ כמאַרע,
פֿון גרויע טיולן אויסגעוועבט,
און גרינע וועלדער וואונדערבאַרע
פֿאַרבייגן נידעריק די קעפּ.

אַזאַ מין שיינקייט ליגט אין מיטן
פֿון נאַכט, מיט טראָפּנס טוי פֿאַרטרערט,
אַז גאָט וואָלט גערן אויסגעביטן
זײַן בלויען הימל אויף דער ערד.

ער גייט, פֿאַרהאַלט דעם ווינט, זײַן אָטעם,
שטרענגט אָן זײַן האָרכיקן געהער,
ער ווייסט אַליין ניט וואָס עס האָט אים
אַראָפּגעשלעפּט אויף דר'ערד אַהער?...

צי בלויז די רו, וואָס שלאָפֿט פֿאַרדרימלט
אויף צווײַגן, צוגעדעקט מיט סכך,
צי אויך דער גרינער ים, וואָס ווימלט
מיט העלע שטערנדלעך אַ סך,

צי גאָר די טוי־פֿאַרטרערטע שויבן,
וואָס חלומען פֿון אַ ניט הי...
גאָט שפּאַנט, ער לאָזט זײַן שפּור אין שטויבן,
מען זאָל דערזען עס אין דער פֿרי,

אַז די וואָס חלומען און גלייבן
ביי טאָג, אין טומלעניש פון שטאָט,
די קעפּ זאָלן צו הייך פאַרהייבן,
און שמייכלען טרויעריק צו גאָט.

לאָמיר צעוויינען אַ זמרל

לאָמיר צעוויינען אַ זמרל,
דעם שטילסטן פון אַלע ניגונים,
גאָט דרייט אַראָפּ שוין זײַן עמערל —
די זון — אין זײַן נאַכטיקן ברונעם.

גאָט צינדט אין בלויינקן דעמערל
אָן זײַנע ליכטעלעך־שטערן.
לאָמיר צעוויינען אַ זמרל,
אפשר וועט גאָט אונדז דערהערן?

אומעטיק, אומעטיק, אומעטיק
איז אויף די ערדישע וועגן,
לאָמיר, מיט ניגונדל, ברומענדיק,
קומען צו גאָט און אים פרעגן:

ווען שוין, רבונו אַלמעכטיקער,
וועסטו פאַרלעשן די טרערן,
אַז דײַן הבטחה די נעכטיקע
זאָל הײַנט מקוים שוין ווערן.

טונקעלער, פינצטערער, בלוטיקער,
ווערט אויף דײַן ערדקויל, און בייזער,
ווען וועסטו, גאָטעניו גוטינקער,
שיקן צו אונדז דעם דערלייזער?

לאָמיר זשע וויינען אַ זמרל,
דעם שטילסטן פון אַלע ניגונים,
גאָט דרייט אַראָפּ שוין זײַן עמערל —
די זון — אין זײַן נאַכטיקן ברונעם.

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען, לאָמיר זינגען
ווי דער אָטעם זינגט אין פלייט.
אונדזער ניגון וועט אַהינגיין,
ווו ס'דערגייען ניט קיין רייד,

און וועט ברענגען, און וועט ברענגען
בימינו נאָך, ווער ווייסט,
פון די סודותדיקע לענגען
די לאַנג צוגעזאָגטע טרייסט.

אַלע ווערטער, אַלע ווערטער
זײַנען הייזעריק און האַרט,
זיי דערגרייכן ניט די ערטער,
ווו משיח זיצט און וואַרט.

לאָמיר שיקן די ניגונים
פונעם האַרצן צום באַשייד!
אפשר וועלן זיי פון ברונעם
אונדז אַרויסשעפן די פרייד!

אפשר וועלן זיי אַהין גיין
און אונדז פירן שטילערהייט!
לאָמיר זינגען, לאָמיר זינגען
ווי דער אָטעם זינגט אין פלייט!

בלוט און טרערן

דער שׂטן שפּיגלט זיך אין בלוט,
משיח שפּיגלט זיך אין טרערן,
און גאָט, וועלכער אין הימל רוט,
וויל אונדזער בענקשאַפט ניט דערהערן.

די וועלט געוואָרן איז צו זאַט
און ס'איז איר פאַן געמאַכט פון זײַדן,
און קיינער ווייס שוין ניט דעם פּשט,
אַז ס'לײַטערט זיך דער מענטש אין לײַדן.

פון זאַטקייט ווערט דאָס האַרץ פאַרפעטסט
און מיטלײַד גיט עס ניט קיין טאָרע,
די אַלטע קאַלב — דער גאָלד'נער געץ —
איז ווידער דאָ דער יצר הרע.

דער שׂטן שפּיגלט זיך אין בלוט,
אין טרערן לויכט זיך דער דערלייזער,
נאָר קיינער ווייס ניט, ווו עס רוט
זײַן גרויער קאָפּ אין וועלט אין בייזער.

ווײַל נאָר דער הונגער און די נויט
דערנענטערן דעם ווײַטן חלום,
זיי צינדן עס אין פלאַם דעם קנויט,
די בענקשאַפט נאָך אַ וועלט פון שלום.

גרינע לידער

ערב טאָגן

אוי, די פרייד פון ערב טאָגן
גייט מיר נאָך אין מײַן פאַרגיי,
ווי אַ לאָשיק נאָך אַ וואָגן,
אַ באַלאָדענעם מיט היי.

ווײַסע וואָלקנדלעך — אַ שלייער
פון אַ זײַדענעם געשפּון,
צינדן אָן זיך אינעם פײַער
פון אַ גליִענדיקער זון.

כ'בין אַוועק שוין לאַנגע יאָרן
פון דער זריחה וואָס איך מאָל,
נאָר אין טיף פון מײַן זכּרון
גייט די זון אויף אַלע מאָל.

און די פרייד פון ערב טאָגן
רויטלט אָפּ פון נאַכט דעם צער.
איז מיר לײַכטער צו פאַרטראָגן
שקיעות רויטע, בלוט און זשאַר.

יעדער אָנהייב האָט אַן ענדע,
יעדער גאַנג דערפירט צום סוף,
און אויך מיך פירט די לעגענדע
צו דעם אייביקן אַנטשלאָף.

נאָר דער ליכטיקער באַגינען,
וואָס באַגלייט מיך אין מײַן גאַנג,
העלפט מיר אַלע מאָל געפינען
אַלע פאַרבן פון פאַרגאַנג.

אַ פרימאָרגן

די גרינע טיף פון ים
צעגליט זיך ווי אַ טיגל.
עס איז די זון אין פלאַם —
דער טריוואַקסענער זיגל

פון גאָט, וואָס שווענקט אין שוים
די וואָלקנדלעך אין ספערן
צעבלינצלען זיך קוים־קוים,
און ס׳גייען אויס די שטערן.

אַ זון־בלאָנד ווינטל שיפט
זיך אויפן האַפט פון וועלן,
ווי גאָט אַן אונטערשריפט
אין רויטן טינט נעמט העלן

און וועקט דעם געלן פרי,
אין נעפלדיקן שלייער,
וואָס כאַפט זיך אויף אין גלי
און איז די וועלט מטהר.

די בערגער ווערן ראָז
אין הינטערגרונט דעם בלויען.
ווי שפּריצעלעך פון גלאָז,
צעפינקלען זיך די טויען,

און פייגל, דאָ און דאָרט,
באַגריסן אין געטרילער
דעם הימל, וועלכער קלאָרט
די ערד וואָס ווערט אַלץ ליליער.

עס צינדט זיך אָן דער וואַלד
גינגאָלדיק, ווי אַ היכל,
און דורך אַ וואָלקנשפּאַלט
צעשטראַלט זיך גאָטס אַ שמייכל.

פרילינג

דער שניי צעגייט, דער שניי צערינט,
די זון בשותּפות מיטן ווינט
פֿאַרקירצן אים די יאָרן.
אָט, נאָך אַ טאָג, ער מוז צעגיין,
צעגיין אין אייגענעם געוויין,
אין פֿרילינגטאָג אין קלאָרן.

צוויי וואָלקנדלעך אין הימל, צוויי,
מסתּמא קרובים פֿון דעם שניי,
זיי ווילן אים פֿאַרהיטן,
זיי שווימען צו דער זון צו גיך
און נעמען צודעקן מיט זיך
איר גינגאָלד דעם צעגליטן.

נאָר ס׳קומט דער ווינט צו הילף דער זון
און ער צערײַסט דעם וואָלקנשפּון,
נעמט זייער פּוך צעווייען.
און ווידער שמעלצט די זון דעם שניי,
ווי זי וואָלט זאָגן: שניי צעגיי!
די ערד דאַרף זיך פֿאַרזייען,

אַ גאַנצן ווינטער האָסטו, שניי,
פֿאַרדעקט די ערד אין ווינד און ווי
פֿון נעפּלען קאַלטע, דינע.
הײַנט איז שוין צײַט, די ערד איז גרייט
צו אָנטאָן זיך אין נײַעם קלייד
פֿון יונגע גראָזן גרינע.

עס גליט די זון און ס׳בריט דער ווינט,
דער שניי צעגייט, דער שניי צערינט
אין שטראָמעלעך פֿון טרערן.
און וואָרצלען טיף אין אונטערערד,
זיי גייען אויף צעיערט, באַשערט
די וועלטן צו דערנערן.

אַ זון־טאָג באַגינען

אַ זון־טאָג באַגינען
שיילט אויס זיך פון בלוי,
די גרעזעלעך גרינען,
באַפּערלט מיט טוי,
און בלימעלעך לאַכן
אויף אַלערליי שפּראַכן,
בײַ ראַנדן פון שליאַכן
קאָלירטע אַזוי.

דער טאָג איז אַ בעלן
אַ שטיף צו טאָן באַלד;
ער וואַרפט הויפנס שטראַלן
אַראָפּ אויפן וואַלד,
אַ פריילעכער גייט ער
אַרום אַ דערפרייטער,
און פונקען ליכט זייט ער
אין איטלעכן שפּאַלט.

אַ וואָלקן אַ פײַכטער
ווישט אָפּעט די זון —
דעם גרויסן באַלײַכטער
פון בלענדליכט אַ טון —
און שווימט אַוועק ווײַטער,
אַ גאָלדיק באַנײַטער,
אין העלן געלײַטער
פון צונטער און זון.

די זון קוקט אין שפּיגל
פון ים, שטילערהייט.
דער ים האָט צעוויגלט
זײַן שוימיקע פרייד.
ער וואַשט אירע אויגן
מיט נאַכט נאָך פאַרצויגן
און פינקלט מיט רויגן,
אין האַרצן פאַרזייט.

אַ זון־טאָג באַגינען,
עס בלימלט און בליט
ביַי מיר אינעם זינען
אַ פריִיקע ליד.
די נאַכט איז פאַרפלויגן
און שטערן, ווי רויגן,
געלאָזן פאַרזויגן
ביַי מיר אין געמיט.

וואָס איז דאָס?

וואָס איז דאָס, אַ ראָז־פּלא,
איינגעוויגט פון ווינט?
ניין, עס איז אַ קנאָספּעלע
אויף דער בייט — אַ קינד.

וועמעס איז עס קינדעלע
אין צעבליטן סאָד?
ס'ליגט נאָך אין אַ ווינדעלע,
ס'איז דערוויַיל אַ סוד.

מאָרגן וועט די גלעטערין
זון אין הימל, שטום
צערטלען עס, צעבלעטערן,
אין אַ בלויער בלום.

זינגען עס אַ ניגעלע
וועט אַ ווינטל זאַכט,
וויגנדיק איר וויגעלע
תּמיד, טאָג און נאַכט.

בליִען וועט דאָס בלימעלע,
דופטן אָן אַ שיעור,
ווי אַ קלייניניק הימעלע
וויגן איר קאָליר,

ביז פון טוי אַ טרערעלע
וועט אַ פאַל טאָן מיד,
ווען דאָס שאַרף פון שערעלע
וועט עס טאָן אַ שניט.

פרילינג־פרי

דער טאָג האָט זיך צעעפנט, ווי אַ גאָלדענער טולפּאַן,
און פון זײַן האָניק־בעכער איז די זון אַרויסגעקומען.
אין בלויען זײַד פון הימל איז אַ ווײַסער קאַראַוואַן
פון וואָלקנדלעך געהאָפּטענע פּאַרטאָג אַרויסגעשווומען.

און גאָט — אַ בלאָנדער ווינט, איז פון די וואָלקנדלעך אַראָפּ
אויף אונדזער ערד, אַ באָרוועסער, און האָט גענומען שפּאַנען
אויף פעלדער אויף צעגראָזיגטע, פּאַרזייט מיט ווייץ און באָב,
אויף בייטן אויף צעראָזיגטע, פּאַרזעצטע מיט טולפּאַנען.

און אַלץ, וואָס גראָזט און בלעטלט, האָט צעבליט זיך און צעגרינט
אין פּאָרמען אַלערלייִיקע פון צירקלען און קריסטאַלקעס.
די ערד האָט זיך צעאָטעמט מיטן דופט פון מײַ און ווינט,
דער הימל האָט אַראָפּגעקוקט מיט אויגן פון פּיאַלקעס.

און איך, וואָס האָב געזען עס, האָב די אויגן ניט געגלייבט,
די אויגן גרין ווי גראָזן, וועלכע וועלן באַלד פּאַרוויאַנען.
איך האָב דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און האָב דערזען אין שטויב
די פוסטריט פון אַ בלאָנדן גאָט, וואָס אַז אַוווּ פּאַראַנען.

בלומען אויסגעוואַשענע

די בלומען, אויסגעוואַשענע אין טוי,
ווערן רויטער, בלויער, געלער,
און אויפן טישטעך פון אַ הימלדיקער בלוי
האָט ווער אַרויפגעשטעלט אַ גינגאָלדענעם טעלער.

דער פרי צעצונדן האָט אויף ביימער ברוינע ליכט
און אויסגעלאָשן שטערן — די פּאָנאַרן.
די ערד האָט אויסגעטאָן די שאָטנס פון געזיכט
און זיך צעלייגט אין גרינע פּעניואַרן.

אַ ווינט, אַ שטיפער, איז געקומען פון דער פרעמד,
אַן אָנגעפלויגענער ווער ווייסט פון וועלכע העטן...
ער האָט די ביימערהאָר צעפלאָכטן און צעקעמט
און האָט זיי אָנגערעדט ווער ווייסט צו וועלכע חטאָן.

האָט זיך די אָזיערע צערונצלט און צעקניינטשט
און זיך צעשמייכלט מיט דער זון אין אירע אויגן,
און פון די ווײַטן, איבער שפּראָצעדיקן ווייץ,
זײַנען די בושלען, ווי די פײַלן, אָנגעפלויגן

און געבראַכט אויף פליגלען פון אַ זילבערווײַסן פּוך
אַ יונג צעבליטע, אַ צעזוניקטע דערפילונג.
און אויפגעכאַפּט זיך האָט אין מײַיקן גערוך,
אַ בלאָנד־געלאָקטער, אַ גרין־אויגנדיקער פּרילינג.

טראָפּנטאַנץ

כ׳האָב ליב דעם טראָפּנטאַנץ פון רעגן,
ווען גרינג צעשפּריצטע טאַנצן טראָפּנס,
כ׳האָב ליב ווען שטראַלן נעמען זעגן
די כמאַרעס ביַי דער זון צוקאָפּנס.

כ׳האָב ליב גאָטס הימלקלייד דאָס צאַרטע,
מיט זילבער וואָלקנדלעך באַצויגן,
כ׳האָב ליב זיַין צען־קאָלירטן גאַרטל,
וואָס מענטשן רופן: רעגן־בויגן.

כ׳האָב ליב, ווען ס׳נעמט די ערד אַנטפּלעקן
איר ברוינעם גוף פון שניי און וויאַנען,
ווען ס׳נעמען זאַפטן זיי צעוועקן
און רעגנס נעמען זיי באַמאַנען.

כ׳האָב ליב איר גראָזיקע פאַרהיליונג,
ווען ס׳האָט די זון זי אויסגעוואַרעמט.
כ׳האָב ליב ווען ס׳קומט צו גיין דער פרילינג
און גייט אַרום מיט מיר געאָרעמט.

פרילינגדיקע אָוונטן

פרילינגדיקע אָוונטן, פול בלויקייט און פול גרינקייט,
שמעקעוודיקע, דופטנדיק מיט מענטע און מיט מײַ,
וואָלקנדלעך, געוועבטע פון אַ זילבערדיקער דינקייט,
שווימען, רויט־באַזוימטע, מיט אַ פײַנער האַפטערײַ.

באַלד וועלן די שטערנדלעך, צעפינקלטע, צעבלינצלט,
אָנשרײַבן מיט שטראַלן־כּתב אַ פרילינגליד אויף ס'נײַ,
און דער ווינט, דער שטיפער, וועט אין צווײַגן, ניט געקינצלט,
אויסרוישן אין ביימערשפּראַך דאָס ליד אין סאָד דערבײַ.

פרילינגליד, אָ פרילינגליד! קומסט יעדעס יאָר אַ נײַע,
זינגען דיר, צעקלונגענע, די פייגעלעך אין כאָר;
אויך אין מיר די ווערטער, פּונקט ווי שוועלבעלעך אַ סטײַע,
כאַפּן אויף זיך, טרילענדיק אין ליכטיקן קאַיאָר.

קנאָספּעלעך, האַלב פּלאַצנדיק, און טויעלעך אויף גרעזלעך,
שמעטערלעך און פלאַטערלעך און פליגעלעך אין פלי
זויגן מיט די שנעבעלעך און זוכן מיט די נעזלעך
יעדן זיסן ביסן פון צעווימלטן צעבלי.

בלימעלעך און קווייטעלעך, אין אַלערליי קאָלירן,
עפענען די מײַלעכלעך מיט האָניקדיקן זאַפט.
אויף די ליפּלעך טויעלעך, צעגלאַנצטע, שעמערירן,
כ'שטיי ווי אַ פאַרחלומטער פון שיינקייטן פאַרגאַפט.

ווערטער, מײַנע ווערטער! ווי אַזוי זאָל איך דערקלערן
אַלע מײַנע אָנונגען, ווען ס'פעלן אויס די רייד?
שווײַגן אין מיר ווערטער, נעמען ריידן אין מיר טרערן,
טרערן — בלויע טויען, וועלכע שפּיגלען אָפּ מײַן פרייד.

איידער ניט דערזאָגן, איז שוין בעסער שווײַגן, שווײַגן,
שווײַגן ווי די שיינקייט, וועלכע קווייטלט זיך צעבליט.
אויפהענגען די ווערטער, ווי די בלױנגען אויף צווײַגן
און אויסשווײַגן און אויסשטומען די שענסטע פרילינגליד.

טאָג און נאַכט

וואָלקנס זויבערע און ווײַסע
האָט אַ זון־טאָג אויסגעקליבן,
ווי די בלעטלעך פון אַ מעשׂה,
נאָך פון קיינעם אָנגעשריבן.

איצטער שניצט ער אויס אַ פעדער
פון דער זונס אַ גאָלדנער וויִע,
און אין אָוונט, בלי נדר,
וועט ער עס אין טינטער שקיעה

אײַנטונקען אין זונשײַן וואָרער,
און אין פאַרבן אַ צעגליטער,
וועט ער אויף די וואָלקנס קלאָרע
שרײַבן רויטע ליבע־לידער

צו דער נאַכט דער טונקל־בלויער,
וואָס קומט אָפּקילן זײַן פיבער.
און אַזאַ מין בענקשאַפט־טרויער
אין זײַן האַרצן לאָזט זי איבער.

קומט די נאַכט אין בלויען שלייער,
ווי אַ פאַווע אָנגעפלויגן.
און דאָס ליד פון רויטן פײַער
שפּיגלט זיך אין אירע אויגן.

אַלץ פאַרדעקט זי מיט אַ שאָטן,
מיט אַ שאָטן אַ ניט היגן,
און זי שרײַבט מיט שטערן־נאָטן
צו דער ליבעליד אַ ניגון.

רוט די ערד, די הימלען שווײַגן
און די ערד שלאָפט אײַנגעשוויגן,
בלויז די פייגל אין די צווײַגן,
חזרן בסוד דעם ניגון.

מאָרגן פרי, ווען איבער נעסטער
וועט צעפלאַמען זיך דער הימל,
וועט אַ פויגלשער אָרקעסטער
אויפוועקן דעם טאָג פון דרימל.

אפשר

זע, ווי ס'פּאַלט די זון אַרונטער,
ווי אין צונטער אײַנגעראַמט,
און דער באַרג, אַ רויט־באַזונטער,
שטייט און פלאַמט.

שיין, ווער זאָגט עס שיין אויף שטאַרבן,
ווען די זון פאַרגייט אין סוד?
כאָטש עס שעמערירן פאַרבן,
איז אַ שאָד.

וואָס אַ שאָד? ס'איז בלויז אַ בײַט אום,
ס'האָט איר שיינקייט אויך די נאַכט.
תמיד גייט מיט אונדז די צײַט אום
און זי לאַכט:

— ווער זענט איר וואָס ווערט נתפּעל
פון אַ שטויבעלע, וואָס שײַנט?
דאָרטן בלענדט, און אויב ס'איז דאָ העל,
איז דער הײַנט

בלויז אַ רגע, אַ דערווײַלע
אין דער אייביקײַט, אָן ברעג;
ווער ביסטו, וואָס פרעגט אַ שאלה
אויפן וועג?

— ווער בין איך? אַ נײַגעריקער,
פּיצל רינגעלע אין רינג,
וועלכער ווערט פון פאַרבן שיכּור
און ער זינגט.

איז דען זינגען אַ פאַרברעכן?
— טראַלאַלאַ און טרולולו,
כּל־זמן ס'קאָן מײַן האַרץ נאָך דעכען
זינג איך צו.

זעט, ווי ס'בײַטן זיך די פֿאַרבן,
שימערירן אין פֿאַרגײן!
אפשר וועל איך אויכעט שטאַרבן
אַזוי שײן?

אַ נסתּר

אַ נסתּר האָט די בלאָנדע צעפּ פון קראַנקער זון צעפלאָכטן
און האָט צעשאָטן זיי אויף דר'ערד ווי גינגאָלדענע פונקען,
אַ וויַיסער וואָלקן האָט פאַרנאַכט פון ליבע זיך געשאָכטן,
האָט זיך די זון פאַר קלעמעניש אין ים פון בלוט דערטרונקען.

די מאַמע־נאַכט האָט שטערנאַש אויף זיך גענומען שיטן
און שבעה זיך אַוועקגעזעצט צופוסנס פון אַ היגל.
אַ שטראַל פון דער לבנה האָט אַ לאַץ אירס איַינגעשניטן,
אַ נעפּל האָט פאַרהאַנגען שטום די אָזיערע, איר שפּיגל.

אַ סאָד מיט שוואַרצע ביימער — צוויי מנינים פון אבלים
די הענט האָבן צעוואָשן מיטן טוי פון בלויען לאַדיש.
אַ ווינטעלע אַ יתום, ערשט געקומען פון בית־עולם,
האָט זיך ביַים באַרג אַוועקגעשטעלט און אָפּגעזאָגט אַ קדיש.

און שטום געוואָרן איז אַ וועלט פון שאָטנדיקע שטחים,
אין אומעט און פאַרטרויערטע מחשבות איַינגעזונקען.
בלויז שטערנדלעך אין הימל האָבן נאָכגעמורמלט שבחים,
דער זון, וואָס האָט פון בענקשאַפט זיך אין רויטן ים דערטרונקען.

די זונבלום

אין אָוונט האָט די זונבלום ליכטיקע
פון הימל זיך אַראָפּגעגליטשט
און וואָלקנס פּערלדיקע, ציכטיקע
מיט רויטן זונבלוט אָפּגעשפּריצט.

אָן גינגאָלד־שטראַלן, אַ צעריסענע,
האָט זי געקײַקלט זיך אַראָפּ
און אויפן באַרגס צעגליטער ליסינע
געבליבן ליגן איז איר קאָפּ.

פון טיפער הייך, אַ שאַל אַ טיולענעם
האָט ווער פאַרוואָרפן אויפן באַרג,
אַ בלויען דעקטוך אײַנצוטוליענען
דער קראַנקער זונבלום אויף איר קאַרק.

פון אַלע ספערן האָבן שטערנדלעך
גענומען פאַלן, שטילערהייט,
ווי גאָט וואָלט גינגאָלדענע קערנדלעך
פאַרזייט אין נאַכט — זײַן שוואַרצע בייט.

פאַרדעקט האָבן דעם סאָד פאַרדרימלטן
צען שאָטנס־בלויע — דינער שטאָף,
און אײַנגעוויגט די וועלט צעווימלטע
האָט ווייך דער ווינט אין רו פון שלאָף.

קאַיאָר האָט אין דער ווײַט, אַ גלייזקער,
דער מאָרגנשטערן זיך צעשטראַלט
און אויפגעוועקט אין וועלט דער פרייזקער
דעם גרינעם, רוישנדיקן וואַלד.

דעם גרויען נעפּל פון דער אָזיערע
אַ ווינטל האָט אַוועקגעבלאָזט,
און ווײַט אין מיזרח האָט אַ ראָזעווער
אַרויסגעשפּראָצט אַ גרויסער קנאָספּ.

פון קנאָספּ פון רויטן האָט צעבלעטערט זיך
אַ יונגע זונבלום אין דער בלוי —
אַ בלאָנדע זונבלום, אַ פאַרגעטערטע,
וואָס שפּיגלט זיך אין טײַך און טוי.

און שטראַלנבלענד און פונקען שטראַליקע
האָט זי אַ שאָט געטאָן אויף דר'ערד
פּאַר גרינסן און פאַר בלעטער אַליקע,
וואָס ווערן פון איר שײַן גענערט...

טעג

די זון צעזעגט דעם טאָג אויף שעהען
מיט איר גאָלדנער זעג.
די נאַכט קומט מיט אַ זאַק אַ בלאָען
און פירט אים ווו אַוועק,

מסתמא, ווו די שטערן פלעכטן
די מילכוועגן פאַרשײַט,
אַווו די איצטערס ווערן נעכטנס
אין וואַנדלשפיל פון צײַט.

די זון האָט הײַנט פאַרשטעלט אַ כמאַרע,
ווי מיט אַ גראָער דעק,
און ניט געלאָזט אַ פיצל שפאַרע
אַפילו פאַר דער זעג.

און ס׳קאָן די זון הײַנט ניט צעזעגן
אויף שעהען אָט דעם טאָג,
די נאַכט באַוויינט אים מיט אַ רעגן,
און מיט אַ נעקראָלאָג...

באַקלאָגט דער ווינט אים, זײַן באַגלייטער,
וואָס טרויערט אויפן ראָג
און וויינט און שפילט אויף זײַן טרומייטער
אַ קלאָגליד נאָכן טאָג.

אַ בײַטעלע

אין אַ ווינקל פון מײַן הויפל
וואַקסט אַביימעלע, אַן עופל,
קוים דרײַ יאָר געוואָרן הײַ יאָר.
האָט ער פרילינגצײַט גענומען
און צענומען זיבן בלומען,
ראָז צעגליטע ווי אַ פײַער.

יעדערער פון אונדז באַזונדער
האָט די בליבלעטעלעך באַוווּנדערט
און געגלעט זיי מיט די אויגן,
ביז אַ ווינט, אין נאַכט אין שפעטער,
האָט אַ ריס געטאָן די בלעטער
און מיט זיי אַוועקגעפלויגן.

זײַנען אויף די צווײַגלעך דינע
בלויז געבליבן קניפלעך גרינע,
האַרטע הענגען אין די פריִען.
נאָר דער גוטער פרילינג־רעגן
און די זון פון זייערט וועגן
זיך גענומען האָבן מיִען.

קושט די זון די פרות קליינע,
וואַשן זיי די טראָפּנס ריינע,
און די שלעכטע ווינטן שווײַגן;
נעמט מען אויסזען שענער, בעסער,
ווערט מען זאַפטיקער און גרעסער,
אַזש עס בייגן זיך די צווײַגן.

וואַשט די הויט דער רעגן לויטער,
מאָלט די זון די בעקלעך רויטער,
יעדער איז אויף זיי אַ בעלן,
ביז אַ ווינטל, אין סך־הכּל,
האָט דעם בוים געטאָן אַ וואַקל,
זײַנען זיי אַראָפּגעפאַלן.

יעדערער פון אונדז באַזונדער
האָט די פערסיקעס באַוווּנדערט,
ווי אַ גינציקע דערפילונג
און דאָס ביימעלע דאָס קליינע,
אַ געזונט אין זײַנע ביינער,
וואַרט שוין אויפן פערטן פרילינג.

וואָלקנשפּיל

אַ ווינטל פּורעמט וואָלקנדלעך מיט פינגער מיט עלאַסטישע,
וויַזט אויס אַ מיַסטער־סקולפּטאָר איז דער ווינט,
אָט קנעט ער אויס פון וואָלקנפּוך צוויי לייבנקעפּ פאַנטאַסטישע
און אָט דריַ גרויסע בילנדיקע הינט.

די זון איז היַנט אַ שטיפערין, זי קיַקלט זיך אַ מעשענע
אויף שטחים פון אַ הימלדיקער בלאָ,
אָט נעמט זי און באַהאַלט זיך ביַ אַ כמאַרע־שד אין קעשענע
און ווערט פאַרפאַלן אויף אַ האַלבער שעה,

און אָט גאָר נעמט זי שפּילן זיך מיט וואָלקנדלעך אין כאַפּעניש
און נעמט דורך זיי זיך רעדלען ווי אַ פּאַס,
ביז פלוצעם טוט אַ שפּריץ פון הייך אַ גיכע טראָפּן־קאַפּעניש,
אַ וואָלקנדל האָט זיך צעוויינט פאַר כעס.

איך גיי אום אין אַ בלאָנדן טאָג אויף פעלדער אָפּגעקאָסעטע,
מיט פּאָלעס ברייט צעפלאָשעטע אין ווינט.
עס זאָגט: „גוט מאָרגן!" מיר אַ סוד מיט ווערטער גרינע, פּשוטע,
און שמעקט מיט ריַפע עפּל און מיט מינט.

כ'גיי און ס'גייט מיר נאָך מיַן פריַנד, דער קאָלי, דער געלהאָריקער,
עס שמעקט אונטער מיַן טראָט די פעטע ערד.
איך טראָג אויף מיַנע פּלייצעס היַנט מיַן זיַן דעם זעכציקיאָריקן,
ווי ס'טראָגט דעם ריַטער אַ צעהאָפּסלט פערד.

ס'איז גוט אַרויסצוגיין אין פעלד זיך אויף אַ וויַל געזעגענען
מיט דעם אַספאַלט און דעם געוואַלד פון שטאָט,
און אין דעם טוי פון מאָרגנבלוי זיך פלוצעמדיק באַגעגענען
מיט שיינקייט, מיט אַליינקייט און מיט גאָט.

אָט שטייט אַ באַרג, אַ גרינער באַרג מיט זונשיַן אַ באַמאָלענער,
אַרומגעצאַמט מיט שאָטנס און מיט סוד,
און איבער אים אַ וואָלקן, ווי אַ טלית ווי אַ וואָלענער,
און אויפן וויַסן וואָלקנדל זיצט גאָט.

רעגנגאָס

די זון — אַ בעלמעאויג, האַלב בלינד,
פאַרציט זיך מיט אַ געלער פאַרע,
אַ פײַערדיקן זיגזאַג צינדט
אַ בליץ אָן אויף אַ ברוינער כמאַרע.

די בלויע ווײַטן ווערן שוואַרץ
און שטויביק ווערן אַלע וועגן,
די ערד אַנטבלויזט דאָס גרינע האַרץ
אַנטקעגן טאַנצנדיקן רעגן.

עס האָט צעדונערט זיך דער באַרג,
ווי הונדערט הירזשענדיקע שקאַפּעס,
אַרומגענומען האָט זײַן קאַרק
אַ כמאַרע מיט באַהאָרטע לאַפּעס,

זי גלעט זײַן באָרד — דעם נאָדלוואַלד,
און קושט די פעלדזן — זײַנע ליפּן,
עס פּלייצט איר שווייס אין יעדן שפּאַלט,
וואָס ווינטן האָבן אויסגעקניפּן.

עס רינט פון פּנים זײַנס אַראָפּ,
אַ טויזנט ריטשקעלעך און שטראָמען,
זי טוליעט איַין זײַןווילדן קאָפּ
און רופט אָן שטילערהייט זײַן נאָמען.

עס זינגט דער ווינט אַ נאַסע ליד
און פײַפלט צו אויף אַ קאַרינע,
די יאָדלע־ביימער זינגען מיט,
צעפּלעכטנדיק די צווײַגן גרינע,

זיי וויגן אויס אַ מאָדנעם טאַנץ,
די צווײַגן וויגנדיק און קרוינען,
דער הימל קריגט אַ פײַכטן גלאַנץ
און גיסט זיך אויף מיט בערג און פלייצן,

ער גלעט מיט צאַרטע הענט די ערד,
און ווילד באַמאַנט זי אין זײַן דראַנג ער,
די ערד ווערט ווייך און הערט ווי ס'יערט,
אין איר זײַן זאַפט און מאַכט זי שוואַנגער.

דער הימל קריגט זײַן בלויען גלאַנץ
און קלאָרער ווערן זײַנע אויגן,
אין ליבשאַפט טוט ער אָן אַ קראַנץ
דער שטומער ערד — אַ רעגן־בויגן.

אַן אָפּגעפרישטע ליגט די ערד,
אַן אויסגעוואַשענע אין גאַנצן,
זי ליגט אַ רויִקע און הערט,
ווי ס'גייען אויף אין איר די פלאַנצן.

אַ נאַקעטע זון

אַ נאַקעטע זון, אין אַ וואָלקן
פֿאַרהילט ווי אין לײַנענעם העמד,
ס'האָט עמעץ איר שײַן אויסגעמאָלקן,
באַהאַלט זי זיך, מאַט און פֿאַרשעמט.

דער ווינט, דער צעפֿליגלטער שיכּור,
וואָס שטורעמט צעוויכערט פֿאַר צען,
רײַסט ווילד פֿון איר העמד ווײַסע שטיקער,
ער וויל דער זונס נאַקעטקייט זען,

ער צופּט איר פֿאַרהילונג פֿאַנאַנדער
מיט ווײַיִקע פֿינגער געשווינד,
נאָר קלוג איז די זון אין איר וואַנדער,
זי טוט זיך אַ דריי און פֿאַרשווינדט...

דער ווינט, אויפֿגעברויזט, אָן אײַנכּעסער
צעברומט האָט זיך בייז און צערייצט,
דער וואָלקן דער גרויער אַ בלאַסער
מיט שנורן פֿון טרערן שוין פֿלייצט

און האָט מיט אַ בליץ זיך פֿאַרמאָסטן
אַנטקעגן דעם ווינט אין פֿאַרוועט,
אַנטקעגן אַ שטורעמווינט פּראָסטן,
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין עטיקעט.

די שאַרף פֿונעם בליץ בלענדט און פֿינקלט,
זיגזאַגיקט אַרויף און אַראָפּ,
דער ווינט, פֿונעם רעגן באַשפּרינקלט,
ווערט שטילער, דער כּעס גייט אים אָפּ.

עס רוקט זיך אַרויס פֿון אַ שפּאַרע
די זון, ווי אַ גינגאָלדן איי,
און ס'ווערט אין איר חמימה די כמאַרע
צעשמאָלצן אויף פּאַרע און שפּריי.

דער ווינט האַלט פאַרבליפּט אײַן זײַן אָטעם,
פאַרבלענדט פֿון דער זוניקער שײַן,
פאַרמישפּט אויף אייביק האָט גאָט אים
אין זון אַ פאַרליבטער צו זײַן.

זון, ים, ווינט

די זון האָט צעקנעפּלט איר נאַכטהעמד — אַ כמאַרע —
אַ זילבערנע כמאַרע מיט פּורפּורנע פונקען,
און האָט איר גינגאָלדענע, שטראַליקע מראה
געגומען אין ימיקער טיפענש טונקען.

דער ים, אויפגעבראָזט ביז זײַן אָפּגרונט דעם שוואַרצן,
האָט בלענדן געגומען מיט אַלערליי פאַרבן,
ער טראָגט דאָך דעם אָפּשײַן פון זון אין זײַן האַרצן
אַפילו, ווען ס'נעמט אים דער שטורעמווינט קאַרבן.

דער ווינט, זײַן לאַנגיאָריקער חבר אינטימער,
איז אויכעט פאַרליבט אין דער זון, אין בלאָנד־געלער,
פאַרגינט ער דעם ים ניט איר בלענדיקן שימער,
ווען ס'באָדט זיך די זון אינעם ימיקן קעלער.

זי נעמט אירע גאָלד־בלאָנדע לאָקן צעלאָזן
בײַם ים אויפן האַרץ און מיט אים קאָקעטירן...
דער ים נעמט אַזש פלאַמען אין פרי אינעם ראָזן
מיט גרינע סמאַראַגטן און בלויע סאַפּירן.

דער ווינט ווערט פון קינאה אַ ווילדער געוויטער,
ער וואַרפט אויפן ים זיך מיט שטורעם און שרעקן,
ער וויל נאָר דער נאַקעטער זון דער צעגליטער,
מיט וואָלקנס מיט גראָע דאָס לײַב איר פאַרדעקן,

נאָר ס'לאָזט עס דער ים ניט, ער שטעלט זיך אַנטקעגן,
אַפילו אַ חבר, נאָר ליבשאַפט איז מערער,
ער וואַרפט זײַנע כוואַליעס מיט כּעס אין געשלעגן
און וואַליעט און כמאַליעט דעם ווינט — דעם צעשטערער.

נאָר ס'פליט אום דער ווינט אויף צעוויכערטע פליגלען,
ער רײַסט פון ים שטיקער, די זון זאָל זײַן גנאַי זען.
ער האָט שוין צעבראָכן אין ים אַלע שפּיגלען,
די זון זאָל ניט קאָנען איר פּנים דאָרט ווײַזן.

די זון קוקט באַהאַלטן אַרויס דורך אַ שפּאַרע
און שמייכלט צו זיך אויפן אויבערשטן גאָרן,
עס שלאָגן זיך אונטן צוויי זכרים וווּלגאַרע,
וואָס מיינען, זיי זײַנען דער זונס „אוכאַזשאָרן".

אויף מאָרגן פאַרלאָזן וועט זיי דער ירגזון,
דער ים מיטן ווינט וועלן אויפהערן רעשן,
און ווידער וועט זי אין פרימאָרגן דעם ראָזן
די גאָלדענע האָר אינעם ים קומען וואַשן.

ים און הימל

אויבן בלוי מיט גראָע כמאַרעס,
אונטן בלוי מיט ווײַסן שוים,
און עס בײַטן זיך די מראהס
אין די טיפֿן און אין רוים.

ס'איז דער ים פֿול מיט רציחה,
אַזש עס זידט בײַ אים אין בויך,
ווען, ווען איז עס ניחא
זײַן אַ שפּיגל פֿאַר דער הויך?

אויבן חנדלט זיך דער הימל
און ער שימערט און ער בלויט,
פֿול מיט שטערנדלעך, ווי קימל
אויף אַ פֿריש געבאַקן ברויט.

מאָרגן וועט ער ווידער ווערן
אומעטיקער מן הסתּם,
און עס וועלן גרויסע טרערן
ווידער פֿאַלן אינעם ים.

ווער באַדאַרף דעם הימלס וואַסער,
אַז ער'אָט אַליין גענוג?
ס'וויגט דער ים זיך אָן אינכּעסער,
פֿול מיט רוגזה און באַטרוג.

און ער ווייסט ניט אַז די טרערן,
וועלכע פֿאַלן טריף נאָך טריף,
טוען אים אַליין געהערן,
ווײַל זיי קומען פֿון זײַן טיף.

בלויז דער דראַנג נאָך ווײַטע הויכן,
דאַמפּט זיי אויס אין זונענשײַן,
און זיי טראָגן זיך ווי רויכן
אין דער בלוי, טאָג אויס טאָג אײַן,

ביז די בענקשאַפט נעמט זיי נאָגן
און דער דראַנג, ער קילט זיך אָפּ,
פאַלן זיי אין די פאַרטאָגן
שטילערהייט אין ים אַראָפּ.

נאָר דער ים, ער וויל ניט וויסן
פון די יורדים אינעם רוים,
שטורעמט ער און רוישט פאַרביסן,
אַ פאַרפינעטער מיט שוים.

דער ווינט

ס'איז דער ווינט אַ וואַסער־טרעגער,
בלויז אין פרילינג מן הסתּם,
גראָע וואָלקנס — זײַנע צעבערס
שעפּט ער אָן אין טיפן ים,
שלעפּט ער זיי אַריבער שטיבער,
איבער וועלדער, בערג פון שטיין,
ביז ער קערט אין גאַנג זיי איבער
און עס נעמט אַ רעגן גיין.

זומער ווערט דער ווינט אַ גערטנער,
שטראַלן זײַנען זײַן געצייג,
ווו אַ פּרי צײַטיק ווערט נאָר,
רײַסט ער זי אַראָפּ פון צווײַג.
זוימען, קערנער כּל המינים
וואַרפט ער אינעם פעלד און באָר,
ווײַל ער וויל די וועלט זאָל גרינען
נאָך אַ מאָל, איבער אַ יאָר.

ס'ווערט דער ווינט אַ פײַער־לעשער
האַרבסט, ווען ס'צינדט זיך אָן דער וואַלד,
בלעטער — פײַערדיקן מעש — ער
רײַסט פון צווײַגן מיט געוואַלד;
זײַנע שלויכן נעמט ער ניצן
אויפן ברענענדיקן וואַלד,
און נעמט בריזגען, שפּרײַען, שפּריצן
און פאַרלעשט די שׂרפה באַלד.

ווינטער ווערט דער ווינט אַ מילנער,
און זײַן מילראָד דרייט ער שנעל,
ווײַל פון כמאַרעוואָל זײַן ציל נאָר
איז צו מאַכן וואָלקנמעל,
דרייט זײַן ווינטמיל אירע פליגלען
מיט געווירבל און געוויי
און אויף פעלדער, בערג און היגלען
פאַלט ווי וואָלקנשטויב דער שניי.

בלויז בײַ נאַכט, ווען ס׳פֿאַלן שטערן
רויטע פֿונקען פֿון אַ בראַנד,
ווײַל דער ווינט קיין זאַך ניט ווערן,
ער איז ער — אַ מוזיקאַנט.
זײַן קאַרינע איז אַ קוימען,
ווו ער שפּילט זײַן אומעט אויס

און זײַן ניגון ברענגט מיר טרוימען
פֿון אַ ווײַטן לאַנד אַ בלויס.

אַ בוים אויפֿן דאַך

בײַ אונדז איז געוואַקסן אַ בוים אויפֿן דאַך,
איר שמייכלט און מיינט אַז איך טו אײַך גענאַרן.
בײַ אונדז איז געוואַקסן אַ בוים אויפֿן דאַך,
באַהאַנגען מיט געלע זיס־זאַפּטיקע באַרן.

אין פֿרילינג פֿלעגט ווערן דאָס דעכל פֿאַרשיט
מיט בלי־בלימעלעך ליכטיקע, פּערלדיק ווײַסע.
ווי קומט אויף אַ דאַך גאָר אַ באַרנבוים בליט ?
וועל איך אײַך דערציילן די ביימערשע מעשׂה :

אַ שטיפֿער, אַ ווינט, האָט מיט יאָרן צוריק
געכאַפּט אין וואַלד־ווו אַ ווילד באַרן־זוימל
און האָט עס פֿאַרלאָרן בײַ אונדז אויפֿן הויף,
איז שפּעטער פֿון דעם אויסגעוואַקסן אַ בוימל.

צום ערשטן, געווען איז עס דין ווי אַ רוט
און האָט זיך באַהאַלטן אין שאָטן פֿון פֿאַרקאַן.
נאָר שפּעטער־צו האָט שוין דער פֿאַרקאַן אַליין
זיך אָנגעלענט שטיל אויפֿן בוימל דעם שטאַרקן,

וואָס האָט זיך צעוואַקסן, צעגרינט און צעבליט,
באַשאָטן מיט ווילדבאַרלעך זויערע, גרינע.
מיר פֿלעגן אַרומגיין מיט הײַליקע צײַן,
מיט בײַכלעך, אין וועלכע ס׳פֿלעגט שטעכן און גרימען.

מײַן טאַטע, זכרונו לברכה, ז׳געווען
אַ בעל־חלומות פֿון אַלערליי זאַכן,
געחלומט, אונדז, שטיפֿערס, צו מאַכן פֿאַר לײַט
און אויך ווילדע ביימער פֿאַר פּרוכטביימער מאַכן,

איז האָט ער אין פֿרילינג פֿאַררופֿן אין הויף
וואַסילין דעם סעדער, אַ גאַסיקן שכן,
וואָס האָט אַלע צווײַגן פֿון בוים אָפּגעזעגט
און האָט זיי מיט ריט פֿון אַ באַרבוים באַשטאָכן.

ער האָט אַלע שניט אײַנגעוויקלט אין לײַן,
מיט ליים אײַנגעשמירט די פאַרבונדענע ריטלעך,
און ס'האָט דורכן ווינטער פאַרהיילט זיך דער בוים
און דרײַ יאָרן שפּעטער צעבליט זיך מיט בליטלעך

צעראָזטע, צעשמעקטע מיט ריחות פון מײַ,
צו וועלכע אין געסט פלעגן קומען די בינען.
ביז וואַנען אַ ווינט אָפּגעריסן האָט זיי
און האָט נאָר געלאָזן די קניפּעלעך גרינע.

ווען איר וואָלט געזען אָט דעם וווּנדער אַליין,
וואָלט איר ניט געמיינט אַז איך טו אײַך גענאַרן.
סוף זומער באַהאַנגען האָט זיך אונדזער בוים
מיט געלע, רויט־באַקיקע ריזיקע באַרן.

נאָר נאָך אַ פּאָר יאָר האָט דער טאַטע פאַרטראַכט
אַ שטאַל אויסצובויען פאַר אונדזער קוס וועגן,
נאָר ס'איז אַן עברה, די תּורה פאַרבאָט
אַ פּרוכטבוים, וואָס בליט נאָך, אַרונטערצוזעגן.

טאָ וואָס טוט דער טאַטע? ער לאָזט דעם בוים שטיין
אין מיטן דער שטאַל, ווי אַ סלופּ ווי אַ גרויסן,
אַרומגעבויט האָט ער דעם שטאַם מיטן דאַך
און האָט אַלע צווײַגן געלאָזן אין דרויסן.

נו, האָט זיך צעוואַקסן אַ בוים אויפן דאַך,
אַ בוים וואָס צעבליט זיך מיט בלי־בלימלעך ווײַסע.
ס'האָט קיינער אין שטאָט ניט געגלייבט מײַנע רייד,
געמיינט איך דערצייל זיי אַ נאַרישע מעשׂה.

ביז איך האָב פאַרבעטן די חבֿרה צו זיך
און האָב זיי באַוויזן אַז כ'טו ניט גענאַרן.
בײַ אונדז איז געוואַקסן אַ בוים אויפן דאַך,
באַשאָטן מיט געלע, רויט־באַקיקע באַרן.

די ראָקיס

I

— דער ווינט איז אַ פּאַסטעך,
די וואָלקנס — זײַן סטאַדע,
דער הימל — אַ פעלד,
בלוי איז גראָז אין קאַנאַדע.

די בערג זײַנען שאָפּשטאַלן
מיט צאַמען, האַלב אָפן,
אַוווּ ס'ברענגט דער ווינט
זײַנע לעמער צו שלאָפן: —

אַזוי האָט אַ באַרגמענטש
דערציילן גענומען,
ווען ער האָט דערזען מיך
אין בערג שטיין און שטומען,

פאַרקוקט אויף די וואָלקנס,
וואָס ליגן אין קופּעס
אויף באַרגיקע נאַקנס
און פעלדזן־משופּעס.

איך האָב אים פאַרשטאַנען,
געגלייבט זײַנע מעשׂיות
פון זילבערנע טאָלן
און וואָלקנדלעך ווײַסע.

ווײַל וואָס כ'האָב געזען
איז געווען נאָר צויבער,
און וואָס כ'האָב געהערט
איז געווען פאַר גלויבערס,

אַ פלאַמיקע זון האָט באַפּורפּלט אין דעמער
די פעלדזן און האָט זיי באַפּענדזלט
מיט פּראַכטן.
אַליין כ'האָב געזען, ווי אַ ווינט

פירט די לעמער
פון פיטער צום שלאָפן
אין פריִע פאַרנאַכטן...

איך האָב אויך געהערט
ווי ער שפּילט זײַן קאַרינע
און אויך אין זײַן שפּילן
זײַן גרויזיקן אָטעם.
עס האָבן די וועלדער צערױשט זײַן נגינה

און ס'האָבן די שטראָמען
אין טונקעלן שאָטן
פאַרקריצט אין די פעלדזן
אויף אייביק די נאָטן.

צעלייגט האָבן שאָף זיך
אין וואַטענעם דרימל,
ווי שנייִקע לאַטעס,
אויף פעלדזן פון מעשן,
און הויך איבער זיי
האָט אין צונטער אַ הימל
געוואָלט מיט זײַן פײַער
די פעלדזן פאַרלעשן.

נאָר אָזיערעס אונטן
סמאַראַגדענע שפּיגלען, —
זיי האָבן צעגלאַנצט זיך,
ווי אונטערגעצונדן,
און ס'האָבן זיך זונען
טריוואַקסענע זיגלען —
פאַרחתמעט אויף זייערע לײַבער
אין וונדן.

אַ טונקעלער שאָטן, פון נעפּל געשפּונען,
געקומען פון וואַלד איז

אַ גרויער און בלאַסער,
ער האָט אַלע פאַרבן מיט בלויקייט פאַררונען,
די בערג און די וואָלקנס,
די זון און דאָס וואַסער.

די קופערנע ביימער,
די אוראַלטע ריזן,
זיי האָבן מיט טוי זיך באַשפּריצט
און באַשפּרינקלט.
עס האָבן אין הימל
זיך שטערן באַוויזן
און האָבן אין ניַיגיר
זיך העלער צעפינקלט.

און איך בין געשטאַנען,
אַ שטילער, פאַרגאַפטער,
אין נאַכט אַ פאַרקוקטער,
אין זיך אַ פאַרהערטער,
און ס'האָבן די ליפּן
געפליסטערט אַ מפטיר,
אַ מפטיר צו וועלכן
איך האָב ניט קיין ווערטער.

II

אָ, ווי אויסטערלעך שיין
זיַינען בערגער פון שטיין,
אויסגעשניצטע, געקריצט און געטורעמט
פון אַ מיַיסטער — אַ גאָט —
אין באַגיַיסטער, וואָס האָט
מיט זיַין האַמער און דלאָט זיי געפורעמט.

יעדער ברוך, יעדער שפּאַלט,
יעדע ווילדע געשטאַלט,
אַלע מאָדנע פאַנטאַסטישע מראהס
טראָגן היטלען פון שניי

אויף די קעפּ אַלערליי
און באַזילבערטע שאָלן פון כמאַרעס.

ס'האָבן שטורעמס פאַרזייט
אין דער באַרגיקער קייט
אַ געפלאָנטער פון ריזיקע צעדערס,
וועלכע שטײַגן אַרויף
אויפן פעלדזיקן גוף
מיט פאַרקופּערטע קאָרעס ווי לעדער.

כ'האָב געזען, ווי ס'האָט מילד
זיי די זון אָפּגעגילדט,
ווען זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזן,
ווען איר בלוט האָט ווי ווײַן
אָפּגעשפּריצט זייער זײַן
און צעפלאַמט זיי אין פײַער אין ראָזן.

כ'בין געשטאַנען פאַרגאַפט,
און געזען, ווי עס האַפּט
אויס די זון מיט גינגאָלדענע שפּיזלען
דעם קאָליר פון פאַרגיין
אויף די קאַנוועס פון שטיין,
אָפּגעשפּיגלט אין שטראָמען וואָס ריזלען.

ס'האָט דאָס בילד מיך פאַרבליפט
און אין מיר האָט געטריפט
אַזאַ שטילער, פאַרחידושטער צאַפּל
מיטן אָפּשײַן פון זון
אינעם תהום פון מײַן טיף,
מיט דער פליאה פון בערג אין שוואַרצאַפּל.

III

שנייבערג, וווּנדער איבער וווּנדער,
ביימער האָבן מיך פאַרבליפט,
כ'האָב אין יעדערן באַזונדער
אָנגעטאַפּט גאָטס אונטערשריפט,

אויסגעקריצט און אויסגעפורעמט,
איינגעקנאָטן, וואַנט אין וואַנט,
ביז די וואָלקנס אויפגעטורעמט
איז קאַנאַדעס מערב־לאַנד,

שטייען זיי אין ווילדער שיינקייט,
גליִענדיק אין דעם פאַרגיין,
אַז זיין נעבעכדיקע קליינקייט
זאָל דערזען דער מענטש אַליין...

כ'בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער,
שטומער פון אַ פעלדזנשטיין,
בלויז אין האַרצן האָט אַ מפטיר
שטיל געברומט פאַר זיך אַליין.

קאָן עס זיין אַז כ'זע עס טאַקע
ניט אין חלום, אָט די בערג?
שיין פון שנייען אויף די נאַקנס,
כמאַרע־שאַלן אויף די קערק,

אויף די גופים צעדערשטאַמען
פון אַ יעדער טאָן אין גרין,
וואַסערלעך ווי זילבער־פלאַמען,
קייקלען זיך ווער ווייסט וווהין

דאָ באַהאַלטענע אין שפאַלטן,
דאָרט צעשפרונגענע פאָרויס,
הונדערט פנימער, געשטאַלטן
פון איעדער מאָס און גרויס,

דאָ מיט וואָלקנס צוגעדעקטע,
דאָרטן נאַקעט און אַליין,
ליגן פאַרן אויג אַנטפלעקטע,
אויסגעקנאָטענע פון שטיין.

או קאַלירן, ווילדע פאַרבן
ליגן אײַנגעפּרעסט אין שטיין,
שוואַרץ־גראַניט און ווײַסער מאַרמל,
ווי אַ גאָט וואָלט זײַן געביין

אין אַ פעלדזנוועלט פאַרפישופט,
אין בראשית פון באַשאַף
און געלאָזט עס שטיין, אַ מיש אויף,
פון אַ סודותדיקן כתב.

ס'שווײַגט אַן אָזיערע אין מיטן,
ווי אַ גרויסער עמעראַלד,
אײַנגעפאַסט אין באַרג צעגליטן,
אַ פאַררינגלטע מיט וואַלד,

שפּיגלט זיך אין איר דער הימל
בלוי און גרין צונויפגעפּאָרט,
ווי אַ לעבעדיקער סטימול
פאַרן זינגענדיקן וואָרט.

ווערטער, זינגעוודיקע ווערטער
אין מײַן קלינגנדיקער טיף,
ניט קיין פישוף אויסגעקלערטער
ליגט פאַר אײַך דאָ אין פאַרבליף,

ווען פון שטיין קאָן אַזאַ צויבער
זיך אַנטפּלעקן, דף נאָך דף,
דאַרפן ווערטער ווערן לויבערס
און באַזינגען דעם באַשאַף.

האַרבסט

עס האָבן די ווינטן
צעריסן, צעשמיסן
דעם מלבוש צעגרינטן
פון עפּלבוים זיסן.

פאַררעגנט, פאַראומערט
און פרי אַ פאַרגעלטער,
האָט גיך אָפּגעזומערט
זײַן גאָלדענע עלטער.

אין וואַכן און שלומער
פאַרקוקט אויף אַהינטער,
דערוואַרט ער אַ שטומער,
דעם גראָ־ווײַסן ווינטער.

אַזוי שטיי איך אויכעט
מיט ליידיקע צווײַגן
פאַרקלערט און פאַרמוחעט
מיט ליפּן וואָס שווײַגן,

מיט לידער אַזוי פיל,
פאַרלייגט אין שופלאָדן,
מיט אומרו און צווייפל
באַשווערט און באַלאָדן.

ווער ווייסט ווער ס'וועט אַרבן
מײַן זײַן דעם געשענדטן ?
מײַן לעבן דאָס האַרבע,
מײַן נעכטן פאַרברענטן.

מײַן לשון פאַרטריבן
פון פרייד און געזאַנגען,
מיט וועם כ'האָב פאַרשריבן
מײַן לעבן דאָס באַנגע.

עס האָבן די ווינטן
צעריסן, צעשמיסן
דעם מלבוש צעגרינטן
פון עפּלבוים זיסן.

עס ליגן די עפּל,
געשמאַק און געראָטן,
פאַרלאָרן אין נעפּל
און פוילן אין שאָטן.

האַרבסטיק

פון בלוי ביז גרוי איז בלויז איין אות,
וואָס אַנדערשט איבער אַלע מיינען,
ווען בלוי ווערט גרוי, ווערט אַ פּאַרדראָס,
אַז אַלע הימלען נעמען וויינען.

אויך אויף מײַן שײַבל רינט און רינט
די טרער פון האַרבסט, וואָס וועלקט אַ שטומער,
און אין מײַן פענצטער קלאַפּט דער ווינט,
וואָס רופט באַגלייטן גיין דעם זומער.

דער געלער האַרבסט אין רויטן טראָלד
גייט מיט קאָלירן אין די הענט שוין,
דיביימער פאַרבט ער אָפּ מיט גאָלד
און זילבער שפּריצט ער אויף די מענטשן.

אַ שרעק, ווי פײַערפלאַם, צעגליט
דעם דעמב, די ווערבע און דעם בעזבוים,
און אַלץ, וואָס האָט אַ מאָל געבליט,
טוט אויס זיך נאַקעט פאַרן חשבון.

נאָר איך, וואָס צייל אַיעדן קנייטש
און גלעט אים אויס אין האַרצן שפּעטער,
גיי אום און קלײַב פון גאָלד דעם פלייץ
אויף געלע פאַלנדיקע בלעטער,

איך מאָל מיט דעם מײַן חלום אָפּ,
וואָס שווײַגט אין מיר אַ בלוי־פאַרטרערטער.
וואָס זילבערנער עס ווערט מײַן קאָפּ,
מער גאָלדיק ווערן מײַנע ווערטער.

דאָס גרוי ווערט בלוי, ווי אַ פאַרנאַכט,
וואָס לעשט מיט בלוי דאָס רויט פון שקיעה.
און בלוי ווערט אויך די גרויע טרער,
וואָס הענגט זיך אויפעט אויף מײַן וויִע...

איך האָב ליב

איך האָב דערהערט
ווי ס׳וויינט די ערד,
ווען געלער ווערן גראָזן.
ווען פעלדער, אָפּגעקאָסעט,
ליגן שטעכיקע, פאַרלאָזן,

און האָב דערהאָרכט
דעם שטילן שאָרך
פון בלעטער גאָלדיק־געלע,
וואָס הענגען ווי מעדאַלן
אויף פאַרבלוטיקטע שינעלן.

איך האָב דערפילט
ווי אָפּגעקילט
עס ווערט די זון אין בלויען,
ווען ס׳גליווערן אין פערלשײַן
פאַרפראָרענע די טויען.

איך האָב בײַם צוים
דערזען אַ בוים,
אין רויטע ווונדן שטייט ער,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום רוים
דעם פייגלפלי באַגלייט ער.

אַלע ביימער

אַלע ביימער
פֿאַרן שטאַרבן,
קליאָן ווי מירט,
האָט דער האַרבסט
אין זיבן פֿאַרבן
אויסגעצירט.

בלעטער רויטע,
צוויַיגן געלע
ברוין דער שטאַם,
ווי צעשטעלטע
אַקוואַרעלן
אָן אַ פּגם.

אויסגעגליַיכט
און אויסגעבויגן
שטייען זיי,
ווי אַ שטיקל
רעגן־בויגן,
עלעהיי,
וואָלט אַראָפּ
פֿון הימל קלאָרן
אויף דער ערד
און אין אומוואַנדל
געוואָרן
אַ מאָלבערט.

בלומען שטאַרבן

דער האַרבסט טוט אָן אַ געלבלעך קלייד
דער פיכטע און דער מירטע,
און בלומען שטאַרבן אויף דער בייט,
ווי פלאַטערלעך קאָלירטע.

זיי מאַכן צו די אייגעלעך
און נעמען וועלקן, וויאַנען,
און ווי די זומער־פייגעלעך
פאַרגייען די טולפּאַנען.

די זון ווערט מאַט, עס ווערט איר קאָפּ
אַלץ מעשענער און געלער,
זי קײַקלט זיך פון באַרג אַראָפּ
ווי ראָסלזופּ אַ טעלער,

און שפּריצט דיביימער אָפּ מיט גלוט,
און בלעטערגאָלד — מיט פונקען,
און יעדער בוים ווערט רויט פון בלוט
און פלאַקערט פאַר זײַן אומקום.

עס שוויַגן

עס שוויַגן די דעמבעס,
פּאַרקוקט אין אַוועקן,
אַ ווינט וויגט די צווייַגן
און לאָזט זיי ניט רוען.

עס פלאַקערן בלעטער
אין גלוטיקע פאַרבן,
ווי ס'וואָלט זיי באַמאָלט
דער פּאַלעטער פון שטאַרבן

און האָט זיי געלאָזן
פאַרטראַכטע, סובטילע
אויף גראָזן פאַרוועלקטע
אַראָפּשוועבן שטילע.

עס לעשן זיך שקיעות
אויף ביימער, אין סקווערן,
און ס'פאַלן פון וויִעס
די בלעטער, ווי טרערן,

זיי פאַלן צעטראָגן
אין מורא געהיימער,
און ס'וויינען און קלאָגן
האַלב-נאַקעטע ביימער.

שניי

שווערע זעק, גראָע זעק,
וואָלקנס, פול מיט וואַטע,
דעקן צו דעם הימל,
און די זון ווערט פּאָפּיעלאַטע.

ווערט די זון שטאַרק אין כּעס
און מיט אַ שטראַל — אַ מעסער —
שנײַדט זי אויף די כמאַרעזעק
און מאַכט דעם שניט אַלץ גרעסער.

נעמען שיטן זיך פון זעק
און עס נעמען פאַלן
אויף דער אומעטיקער ערד
ליכטיקע קריסטאַלן —

שנייעלעך ווי ווײַסער קעז,
אויסגעלייגט אויף טעלערס,
שמעקעוודיק, ווי ווײַסער בעז,
אין אַ נאַכט אַ העלער.

ליגט אַ ליכטיקע די ערד,
ווי אין לײַוונט־פלאַקסן,
און אויףביימער זײַנען בערד
ווײַסע אָנגעוואַקסן.

דעכלעך האָבן אָנגעטאָן
פּערלדיקע שאַלן,
און די כמאַרעס שמעלצן זיך
אינעם גאָלד פון שטראַלן.

שטיי איך און איך קוק אין שויב
אויפן נס געשעטן,
ס׳לאָזט דאָס האַרץ ניט גיין אין גאַס
און דעם שניי צעטרעטן.

נעם כאָטש שטעל זיך אויף די הענט,
און ווי אין אַ מעשׂה,
טובל אָפּ דעם גראָען קאָפּ
אין די שנייען ווײַסע.

מערציקע שנייען

מערציקע שנייען אויף העטן,
שנייען, ווי ווינדעלעך קלאָרע.
ביימער באַקיטלטע בעטן:
„גיט ניט דער וועלט קיין עין הרע!"

אַזאַ צעליכטיקטע שיינקייט,
וואָס טוט די אויגן פאַרגאַפן.
גאָט נאָר אין הימל־אַליינקייט
קאָן עס סוף ווינטער באַשאַפן.

כ׳גיי און דער קאָפּ נעמט זיך דרייען,
איז עס דער בלענד פון אַזאַ וועג?
זונגאָלד און בתולהקע שנייען
זײַנען זיך שטילע מזווג.

שטראַלן צעשפּריצט אין קאָלירן,
פאַלן פון הימלען, ווי שפּרייען,
זון וויל גינגאָלדענע צירן
טיף אין די שנייען פאַרזייען.

גיי און פאַרשטיי, זײַ אַ בעלן,
וואָס אַזאַ בלענדיקע זון קען,
אַקאָרשט פאַרזייט האָט זי שטראַלן,
בליִען אויף שנייען שוין פונקען.

פונקען, ווי שנייִקע בליטן,
פינקלען, צעבליצט שימערירן.
כ׳שטיי ווי אַ שיכּור אין מיטן,
קאָן פונעם אָרט זיך ניט רירן.

אַפּלען, מיט העלקייט פאַרצויגן,
שפּיגלען אַרום די אָקאַזיע,
האָבן אַ טעות די אויגן,
איז עס אַ בילד פון פאַנטאַזיע?

ווער דאַרף עס קוקן אַהינטער,
ווען זון און שנייען פאַרגאַפן ?
גאָט האָט עס סוף־ווינטער
אין זײַן אַליינקייט באַשאַפן.

אַ ווייַסע מעשׂה

ס׳האָט אַ פרעסטל אויסגעמאָלקן,
בײַ דער נאַכט אַ גרויען וואָלקן
אין די הימלען ערגעץ אויבן,
איז די מילך אַראָפּגעפאַלן
אין פאַרפראָרענע קריסטאַלן
ווי פּיצפּוכעלעך פון טויבן.

האָט אַ ווינט גענומען גלעטן
ווייַסע פעלדער, זיי פאַרבעטן
מיט די בעטגעוואַנטן בעסטע.
און אויף בערגעלעך וויניעטע
קישנס אויסגעלייגט פּיאָלעטע,
ווי אויף לייַלעכער געפרעסטע.

האָט די זון אין גרויע כמאַרעס
לעכער אויסגעזעגט און שפּאַרעס
און אַ שאָט געטאָן פון אויבן
דינע גינגאָלדענע שטראַלן,
אויף געשליפענע קריסטאַלן
און צעשפּיגלט זיך אין שויבן.

אַזאַ וווּנדערלעכע מעשׂה —
ס׳ליגט אַ וועלט אַ זויבער־ווייַסע,
נאָך פון קיינעם ניט באַטראָטן

און אויף פעלדער בלוילעך־בלאַנקע
לייגן שלאָפן ביימער שלאַנקע
זיי׳רע שווייגעוודיקע שאָטנס...

סקילויף

אַ שטראַלן־וויכער ווייט און דרייט,
אַ בלענדיקייט עס פינקלט,
אַ באַרג־אַראָפּ ליגט אויסגעשפּרייט
מיט פונקען זון באַשפּרינקלט.

און איך אין שניישיך — פליגלען צוויי —
פלי ווי אַ פײַל פון בויגן
אין ווינטגעווייִ און שנייגעדריי
מיט זונשײַן אין די אויגן.

דיביימער קוקן נאָך מײַן פלי
מיט חידוש און מיט ביטול,
די קעפּ — באַדעקט מיט ווײַסן בלי,
די שטאַמען — אין אַ קיטל,

די שאָטנס שלאָפן אונטער זיי
אין בלוילעכע פּיזשאַמעס,
און יונגע ביימער וויגן זיי
ווי גוטע מאַמעס ממש...

איך פלי און שפּאַלט אין פלי דעםווינט,
וואָס וויל מײַן לויף פאַרצאַמען,
אַ רויטע שקיעה ברענט און צינדט
דעם באַרגשפּיץ אָן אין פלאַמען.

די וואָלקנדלעך אויף דעם פּאַרנאַס
מיט ווײַסע פליגלען פאָכן,
און ס'וויינט דער ווינט,
ער איז אין כּעס
וואָס כ'פלי אויף זײַנע שטחים

ער שטרעקט די דלאָניעס אויס אויף ס'נײַ
און יאָגט מיך ווי אַ וויכער,
נאָר איך, איך שווינדל אים פאַרבײַ
און פלי אַראָפּ צו גיכער.

געבויגטע קני, ווי אַ טריגאָן,
די הענט — צעשפרייטע פליגלען,
פלי איך פון העכסטן אויבנאָן
צום טאָל אַריבער היגלען.

אַ שפרונג, און ס׳וויכערט אויף דער שניי,
אַ דריי, און כ׳מײַד אַ בוים אויס,
עס שווינדלען וועלדלעך אַלערליי
פאַרבײַ מיר ווי חלומות,

און ס׳רוט אַ זילבערנער דער שניי,
פון קיינעם ניט באַטראָטן,
בלויז איך שרײַב אָן מיט שניישיך צוויי
צוויי לאַנגע שורות נאָטן.

עס לויפט מיר נאָך דער ווינט אַליין
מיט שנייפּראָסט אויף די ליפּן,
ער האָט מײַן פּנים ביזן ביין
מיט רוגזה אויסגעקניפּן.

זײַן גרויזאַם אָטעם נעמט מיך דורך
און שטעכט מיר אויס די אויגן,
נאָר איך, פאַרווייט מיט שנייענפּוך,
פלי ווי אַ פײַל פון בויגן.

דער טאָל פליט מיר אַנטקעגן, פליט
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס,
עס זינגט אין מיר
אַ יעדער גליד
אַזעלכע מאָדנע זמרים.

אַ דריי און כ׳שטיי אַ בלייכער, ווי
עס שטייט אַ בוים אין וויכער,
צעפלאַטערט מיט צעוויגטע קני,
נאָר חוצפּהדיק און זיכער.

דער ווינט איז אויך געבליבן שטיין
דעם אָטעם אָפּצוצין.
און איך, איך וווּנדער זיך אַליין,
וואָס כ׳קאָן אָן פליגלען פליִען.

מוזיק

א ליד פאַר סאַבען דער ליבער

איך בין אַ פידל
און דו ביסט דער סמיק;
רירסטו מיך אָן,
שפּילט אין האַרצן מוזיק.

ברויזיקע טענער,
פּילטאָניק און טרײַ
ברומבלען נאָך שענער,
ווען דו ביסט דערבײַ.

ווילט זיך מיר ריידן
נאָך שטילער פון שטיל,
שטיל דיך באַשיידן
מײַן סוד פון געפיל.

פעלן מיר ווערטער
צו טײַטשן מײַן פרייד,
כ׳זיץ אַ פאַרטרערטער
לעם דיר שטומערהייט,

האָרכנדיק קלאַנגען
פון ברויז און וויבריר.
כ׳ווייס, כ׳בין דערגאַנגען
אין ווייגאַנג צו דיר,

פונקט ווי צו שקיעה
די זון, וואָס פאַרגייט.
ס׳הענגט אויף מײַן וויִע
די טרער פון מײַן פרייד,

שפּיגלט מײַן בלוט אָפּ
און וויגלט מײַן גליק.
איך בין אַ פידל
און דו ביסט דער סמיק.

נאָוועמבער 29, 1976

אַ סימפאָניע

אַ וואַסער, אַ פּאַרק און אַ גרויסע לבנה,
און נאָענט אויפן באַרג שפּילט מוזיק אַ סימפאָניע;
עס ציטערן טענער און ס׳פלעכטן זיך קלאַנגען,
זיי וועקן חלומות און צינדן פאַרלאַנגען...

דײַן דלאָניע איז ווייך, ווי פון זײַד אַ געוועבטע,
זי מיניעט זיך בלייך, פון מוזיק אַ באַלעבטע,
עס שפּילן וואָס אויף אירע פינגער די שמאָלע,
און ס׳ענטפערט מײַן גוף, ווי אַ ברוינע וויאָלע.

עס טרילערן פלייטן און ס׳ברומען באַסאָנען,
עס שרײַען טרומפּייטן און ס׳מאָנען טראָמבאָנען,
ס׳פאַרגייען זיך פידלען אין סטרונע־עקסטאַזן,
און ס׳גראָבן, ווי רידלען אין טיפן, די באַסן.

און פּלוצעם ווערט שטיל, דער באַטאָן גיט אַ סימן,
און ס׳גיסן זיך אויף, ווי אַ שטראָם, אַלע שטימען
און טוען אַ הילך, איין אַליין און צוזאַמען,
אַ ליד, ווי אַ שׂרפה געפלאָכטן פון פלאַמען.

מיר זיצן פאַרשוויגן, עס רעדט נאָר דײַן דלאָניע,
און ס׳וויגט אונדז דער ניגון, דער טאַקט פון סימפאָניע.
די טענער באַרוישן, די קלאַנגען פאַרבליפן,
עס וועקן זיך ווערטער בײַ מיר אין די טיפן

און זוכן, ווי סטרונעס, דעם גלעט פון די סמיקן,
וואָס זאָלן זיי געבן אַ מיין און אַ תּיקון.
דאָס האַרץ מײַנס ווערט רויטער, דאָס פּנים ווערט בלאַסער...
אַ גרויסע לבנה, אַ פּאַרק און אַ וואַסער...

שיר השירים

אַ פראַגע

האָסט נעכטן פאַרשטאַנען די פידל,
וואָס האָט וואָס דערציילט און געבעטן?
דאָס האָט זי געטרילערט דאָס לידל,
וואָס וויינט אינעם האַרץ בײַ פּאָעטן.

דאָס לידל פון פרייד וואָס ווערט טרויער,
ווײַל טעג וועלקן אָפּ ווי טולפּאַנען,
און יאָרן דערפירן צום טויער,
ווו ס'איז שוין קיין פרייד ניט פאַראַנען.

אַ פרייד איז לעם דיר נאָנט צו זיצן
מיט דלאָניעס פאַרקלעמט איינס אין אַנדער,
נאָר כ'טראָג אויפן שטערן די קריצן
פון יאָרן וואָס טיילן פאַנאַנדער,

און כ'ווייס ניט צי כ'טאָר דיך פאַרבלענדן
מיט אַלץ וואָס אין מיר איז פאַראַנען?
די זומערטעג וועלן זיך ענדן,
דער האַרבסט וועט די זון פאַרטומאַנען.

די פידל פאַרגייט זיך אין טרערן,
עס זעגט מיך דער סמיק, ווי אַ טשעלאָ,
עס מאָנען געפילן, באַגערן,
און ס'לעשן זיך שטערנדלעך געלע.

איך טראַכט און עס פעלן מיר ווערטער
צו טײַטשן פאַרנעפּלטע אַנען.
דו זיצסט אין מוזיק אַ פאַרהערטע,
צי האָסטו די פידל פאַרשטאַנען?

יולי 7, 1975

אין פּאַרק

אַ סערפּ פון לבנה, פון מעש אַ קמיע
הענגט אויף אַ שטראַל פון אַ זילבערנעם שטערן.
און מיר ביַי דעם וואַסער אַנטשוויגענע שטייען
און ווילן דעם אייגענעם האַרצקלאַפּ דערהערן.

— „שו, שו", זאָגן כוואַליעס, וואָס קושן די שטיינער,
אַן אייגענעם האַרצקלאַפּ דערהערן קאָן קיינער,
מען קאָן בלויז דערהאָרכן דעם פּישוף לבנהס
אין אייערע ביידנס פאַרקלאַמערטע דלאָניעס,

וואָס ווייסן די כוואַליעס פון פינגערשן לשון?
וואָס גלעטן אויס ווערטער אין נאַכטיקן שימער?
אַ וואָלקנדל האָט די לבנה פאַרלאָשן,
און ס'ווילן די פינגער אַלץ ווערן אינטימער.

ווי ווערט מען אינטימער אין פּאַרק ביַי אַ וואַסער,
ווו ס'הוידעט די וועלן אַ ווינט אַן אינפּעסער,
ווו ס'שפּרייטן דיביימער, ווי אָרעמס, אויס צוויַיגן,
ווען ליפּן מיט שמייכלען פאַרחתמעטע שוויַיגן.

וואָס דאַרפן דערציילן פאַרחתמעטע ליפּן
אַז שמייכלען אַליין זאָגן אויס אַלע סודות.
די שיפלעך, ביַים ברעג צוגעבונדענע, סקריפּען
און וויגן זיך אום ווי די הערצער אויף הוידעס.

און וויַיט אויף אַ שיף שפּילן יונגע כּלי־זמרים
אויף פידלען און פלייטן אַ פריילעכן ניגון.
מיר שטייען פאַרשוויגענע, אָרעם אין אָרעם,
ווי אָקאָרשט געבראַכט פון אַ געגנט ניט היגן,

פון וויַיט, ווו ס'באַגעגנט דער הימל דאָס וואַסער,
ווו ס'שפּיליעט זיי אויפעט אַ שטערן אַ בלאַסער,
ווו ס'וואַשן די כוואַליעס די ברעגן און שווענקען,
ווו מאָרגן פאַרגיין ועט אַ נאַכט צו געדענקען.

דו

דו ביסט דאָס בלי פון קאַרשנסאָד,
וואָס זון האָט אָפּגעגילדט,
פאַר נאַכט, ווען ס'קומט אַראָפּ דער סוד
אין שאָטנס אײַנגעהילט,

האָסט נאָך אַלץ אין זיך די זון,
וואָס ציטיקט אויס דײַן פרוכט
און מאַכסט מיך חלומען דערפון,
וואָס כ'האָב אַ מאָל געזוכט.

עס שרײַט דאָס אַלטע בלוט אין מיר,
אומגלויבנדיק אַזוי,
אַז נאָר פון דײַנעם אַ באַריר
ווערט שוואַרץ צוריק דאָס גרוי

אַרום די שלייפן פון מײַן פליך
און איך ווער נאָר באַגער,
אין קראַגן און געפוצטע שיך —
אַ הונגעריקער בער.

און דו, וואָס טאַנצסט מיט מיר צוזאַם
אָן לײַב מײַנס אָנגעלענט,
ווייסט גאָרניט פון דעם רויטן פלאַם,
וואָס גליט אין מיר און ברענט,

און ווייסט ניט, אַז צום צענטן מאָל
האָב איך שוין אויסגעשיילט
פון דינעם זײַד און ווייכן וואָל
דײַן יעדן גליד, דײַן יעדער טייל.

אַ נאַקעטע אין מײַן געדאַנק,
ביסטו עס קאַרשן־בליט.
עס זינגט אין מיר אַ ווילד געזאַנג,
און כ'שעם מיך מיט דער ליד.

אין קינאָזאַל

אין קינאָזאַל האָט זיך דאָס ליכט פֿאַרלאָשן,
אויפֿן עקראַן די שנייבערג — העל צעבלענדט.
וואָס זיצן מיר פֿאַרשוויגענע, אָן לשון,
און האַלטן זיך ווי קינדער בײַ די הענט ?

ס'איז עפּעס טראַכטן מיר געוואָרן גרינגער
פֿון נעכטנס, וואָס דער ווינט האָט שוין פֿאַרווייט,
עס ריידן וואָס אין שטילקייט דײַנע פֿינגער,
נאָר כ'קאָן נאָך ניט באַנעמען זייערע רייד.

אויך דו, מסתּמא, הערסט ניט מײַנע ווערטער,
וואָס כ'שווײַג זיי אויס אויף ליפּן, שטילערהייט,
איז לאָמיר זיצן ביידע, טיף פֿאַרקלערטע,
ס'איז גוט אַזוי צו זיצן זאַלבעצווייט

און אויסגלעטן מיט ריידנדיקע פֿינגער
די קנייטשן פֿון די שטערנס און פֿון בלוט.
פֿון ליבשאַפֿט ווערן אַלטע הערצער יִינגער,
פֿון פֿרײַנדשאַפֿט ווערן שלעכטע מענטשן גוט.

אויפֿן עקראַן פֿאַרלעשן זיך חלומות,
און פֿרייד ווערט אויסגעמישט מיט צער און וויי,
איך צווישן אונדז גרינט צאַפּלדיק אַ טרוים אויס
און פֿלעכט אונדזערע פֿינגער אויף אַזוי.
און קלעפּט אונדזערע הענט צונויף מיט קליי.

נאָר טיף אין מיר גייט אויף אַ טרויער שטומער,
ער זוכט וואָס און ער נישטערט אין דײַן בליק ;
איך בין שוין האַרבסט און דו ביסט אַלץ נאָך זומער,
און שווער איז גיין אַ באַרג־אַרויף צוריק.

און ס'צינדט זיך אָן מײַן קאָפּ, דער האַלב שוין גרויער,
צעפֿלאַמט זיך ווי אין האַרבסט אַ רויטער בוים,
עס גאָלדיקן די בלעטער פֿון מײַן טרויער
און ס'בלוטיקט אויכעט אויפֿן שניי מײַן טרוים.

מיך שרעקט

מיך שרעקט דײַן אומרו און דײַן זײַן אַ ווינט —
אַ ווינט וואָס שלעפּט דיך, ווו דו ווייסט אַליין ניט.
איך האָב שוין אָפּגעבליט און האָב שוין אָפּגעגרינט,
כ׳האָב מורא פֿאַר דײַן פֿלי וואָס איך פֿאַרשטיי ניט.

מײַן חלום איז שוין רו, אַ ביכל אויפֿן טיש,
אַ רינג פֿון גוטע פֿרײַנד און אייניקלעך אויף קניִען.
נאָר דו, דו ביסט אַ ווינט, דו טוסט מײַן בוך אַ מיש
און פֿליסט פֿון מיר אַוועק אַבי אַרומצופֿליִען.

ביסט יונג, נאָך ייִנגער ווי דו מיינסט אַליין,
און ברענסט נאָך מיט אַ ניט געשטילטן הונגער.
דו ווייסט אַליין ניט, אַז עס לעבט אין דײַן געביין
אַן אויסגעחלומטער, אַ מאַן אַ יונגער,

און ווייסט אַליין ניט ווי עס זוכט אַרום דײַן בליק,
מײַן אָרעם האַלטנדיק, אַ מאַן אַ צווייטן,
און כאַטש עס דויערט נאָר אַן אויגנבליק,
לאַכט שוין מײַן שׂכל אויס דײַן תּירוץ גרייטן:

— אַ, אַלטער נאַר מיט שלייפֿן האַלב שוין גרוי,
וואָס מיינט אַז אַלט און יונג קאָן זיך פֿאַרבינדן.
ווי לאַנג קאָן טרײַ זײַן דיר אַ יונגע פֿרוי,
וואָס אירע בלוטן פֿלאַמען נאָך אין פֿרילינג לינדן?

עס ברענט גיך אויס אַ פֿײַער, וואָס מען צינדט,
און אַש בלײַבט נאָכן פֿײַער, אַש און ביינער.
כ׳האָב מורא פֿאַר דײַן אומרו און דײַן זײַן אַ ווינט
און ציטער פֿאַר דײַן פֿלי וואָס איך פֿאַרשטיי ניט.

אַלץ מײַן אײגנס

פינגער האָסטו װײכע, גלאַטע, גלעטן זײ,
גלעטן אױס מײַן לעבן ליב און זיס.
האָסט אַזעלכע פינגער, װאָס זשע בעטן זײ ?
גאָר מײַן אײגנס ליגט בײַ דײַנע פיס.

ליפּן האָסטו פולע, אַז זײ קושן מיך,
קושן זײ אָן אָפּהאַלט און אָן זין,
קושן אַזױ שטאַרק, אַז זײ צעחושן מיך,
אַז איך װײס אַלײן ניט װוּ איך בין.

כ'בין געװוען נאָך נעכטן אַ פּאַרלאָרענער,
װי אַ בױם פון שטאַם אַראָפּגעזעגט,
הײַנט שפּאַן איך לעם דיר אַ נײַ־געבאָרענער,
פון מײַן שלאָף דעם שװערן אױפגעװעקט.

הײַנט בין איך אַ פּידל אַ זעקס־סטרוניקע,
אין איר האַרץ באַהאַלטן ליגט מײַן ליד.
נעם מיך אין דײַן אָרעם, מײדל זוניקע,
לײג צו מיר דײַן אױער צו גענײט,

האָרך מײַן ליד, װאָס ריזלט טיף אַ קװאַליקע,
הערסט זי שטראָמט פון האַרצן צו מײַן ליפּ.
מײדל שװאַרצס מײַנס, אױגן ברױנע, שטראַליקע,
כ'האָב דיך ליב.

צי איז עס וואָר?

צי איז עס וואָר, צי אויסגעטראַכט האָב איך אַזאַ מין נאַכט
אַ דינע, ווי דײַן זומערקלייד פון בלויען טיול געמאַכט,
און אַ לבנה ווי דײַן ברוסט, פון כמאַרע
קריכט אַרויס,
און איך, ווי אַ גיטאַרע,
אין דײַן שויס?

צי איז עס וואָר, צי אויסגעדאַכט האָב איך אַזאַ, ווי דו?
אַ ווינטל זמרט אויף אַ פלייט, אין שאָטן ערגעץ ווו.
דער הימל שמעקט מיט קימל, ווי אַ פריש געבאַקן ברויט,
און דײַנע פינגער קריצן היעראָגליפן אויף מײַן הויט,
זיי קריצן און זיי צופן אויס ניגונים פון מײַן לײַב,
די שטערן פאַלן פון דער הייך, איך זוך זיי און איך קלײַב
מיט צוגעמאַכטע אויגן אין די פאַלדן פון דײַן קלייד
און מײַנע בלוטן ריידן מאָדנע רייד.

די רויטע יאַגדע פון דײַן ברוסט דערשרעקט מיך און צעוועקט.
די נאַכט, ווי דײַן צעווייעט קלייד, באַהאַלט אונדז און פאַרדעקט,
דו וויגסט מיך, ווי עס וויגט דער ים אַ שטורעמדיקע שיף,
און איך פאַרזיי די שטערן אין דײַן טיף.

אין דרײַען

געלעגן זײַנען מיר אין בעט
אַ גאַנצע נאַכט אָן ריידן,
אַ שיינע פרוי מיט אַ פּאָעט
און עמעץ צווישן ביידן.

כ'האָב אָקאָרשט נאָך געקושט איר האַלדז,
געגלעט איר קאָפּ דעם שוואַרצן
און זיך דערוווּסט, אַז ס'ליגט נאָך אַלץ
דער מת בײַ איר אין האַרצן.

כ'האָב אָפּגערוקט זיך ביזן ברעג,
עס ניט געקאָנט פֿאַרדײַען,
און אַלץ געצווייפלט, צי מען מעג
זיך ליב האָבן אין דרײַען?

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוואַכט,
און זיך געדרייט אין דרײַען,
און ניט געקאָנט די גאַנצע נאַכט
דעם ווײ אין האַרץ צעטײַען.

געוויינט אין מיר האָט אַזאַ פּײַן,
אין אַלע מײַנע הויטן,
וואָס איך דאַרף אייפֿערזיכטיק זײַן,
אַפֿילו צו אַ טויטן.

און פֿון דער וואַנט האָט אַ פּאָרטרעט
געחוזקט פֿון מיר אָפֿן:
זעט, זעט, פֿון וואָס ס'קאָן אַ פּאָעט,
אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפֿן.

איך האָב אַ שטאָלץ

איך האָב אַ שטאָלץ אַ מענלעכן,
וואָס לאָזט מיך ניט זיך בויגן,
אַ מאָדנעם שטאָלץ פערזענלעכן
מיט פײַער אין די אויגן.

און כ׳טראָג דעם שטאָלץ, ווי אַלץ אין מיר,
אָן חרפּה און אָן בושה,
ווײַל כ׳ווייס, אַז ס׳איז דער שטאָלץ אין מיר
פון טאַטן אַ ירושה.

איך בין אַליין מײַן ריכטער אויך,
איך ווייס כ׳בין אַ צעשטרייטער!
איך גיי אין וועלטן ניכטערע
מיט לידער, אַ פאַרזייטער,

און אָפּט אין טעג פאַרשידענע
שווײַג איך אַ ניט דערהערטער,
אַ שפּראָצנדיקע ליד אין מיר
דאַרף אַלע מײַנע ווערטער.

חברים נאָענטע קענען מיך
און זײַנען עס מיר מוחל.
דעם קאַלטן פראָסט, דעם ברען אין מיר,
פאַרגיט מען מיט אַ שמייכל.

אויך דו, וואָס האָט זיך ערשט ווי זײַד
צעבליט אויף מײַנע צווײַגן,
פאַרגיב מיר, ווען כ׳וועל בײַ דײַן זײַט
פאַרגעסן זיך און שווײַגן.

צינד מיך אָן

צינד מיך אָן מיט דײַן פלאַם,
ווי אַ בליץ צינדט אַ שײַער.
לאָמיר ברענען — איין שטאַם —
אין דעם גלײַכן פײַער.

האַרץ צו אַרץ, ליפּ צו ליפּ,
אײַנגעקלאַמערט אין אָרעמס,
אינעם בלוט, אין פֿאַרקניפּ,
שפּילן ווילדע כּלי־זמרים
אַזאַ מאָדנע מוזיק
אויף צעקלונגענע פֿלייטן,
וויג מיך, וויג מיך, פֿאַרוויג,
ס׳זאָל די וואָר מיר ניט ווײ טאָן.

ס׳איז מײַן קאָפּ שוין האַלב־גראָ,
ווי מיט זילבער באַשאָטן,
און אַ יעטווידע שעה
מאַכט אַלץ לענגער דעם שאָטן
פֿונעם טאָג, וועלכער שטאַרבט
אויף פֿאַרבלוטיקטע ציכן.

צו אַ בוים אינעם האַרבסט
איז מײַן לעבן געגליכן.

געלע בלעטער, ווי טעג,
פֿאַלן צו מײַן צופֿוסן,
און מײַן גאַנצער פֿאַרמעג
זײַנען לידער און שטותן.

נעם מיך שטאַרקער אַרום,
כ׳זאָל ניט קאָנען אַהין גיין,
וווּ דאָס לשון ווערט שטום
און דאָס האַרץ קאָן ניט זינגען.

כּל־זמן ס'לעבט נאָך דער גראַם
און די פּען און דער בלייַער
לאָמיר ברענען צוזאַם
אין צעצונדענעם פייַער.

איינס און איינס איז צוויי

איינס מיט איינס איז צוויי,
צוויי, איז איך און דו;
וועגן אַלערליי
פירן ערגעץ וווּ.

טייל צום הימלראַנד,
טייל צום טיף פון ים,
ביידע, האַנט אין האַנט,
לאָמיר גיין צוזאַם.

כאָטש די שרעק איז גרויס,
לאָמיר בליק אין בליק,
גייענדיק פאָרויס,
קוקן אויף צוריק,

זען ווי דער קאַיאָר
ווערט אין שקיעה בלוט.
העלער ווערט די וואָר
ווו דער חלום רוט.

גוט מאָל גוט איז האַרץ,
האַרץ מאָל האַרץ
איז שיין,
ווען די נאַכט איז שוואַרץ,
קוק אין האַרץ אַריין!

קוק אין האַרץ אַריין,
ווו דער חלום ליידט.
ליבשאַפט, פונקט ווי ווייַן,
לייטערט זיך אין צייַט.

האַס מאָל האַס איז סם,
בייז און חורבן בלויז.
אין דעם ליבשאַפט־פלאַם
לעשט זיך שינאה אויס.

און דאָס אַש, וואָס בלײַבט,
טרויערט אויפֿן דיל,
דער וואָס זוכט און קלײַבט,
דער דערגייט צום ציל.

צייל ניט דײַנע יאָר,
ווי די טריט אין וועג.
זילבער אין די האָר
איז אַ גרויס פֿאַרמעג,

און מיט דעם פֿאַרמעג
לאָמיר גיין באַצווייט
און דערגיין צום ברעג,
ווו דאָס לעבן גייט.

איינס און איינס איז צוויי,
צוויי איז איך און דו.
זײַן איז פֿרייד און וויי,
טויט איז סוף און רו.

1976 30–24 אפריל

דו וואָס שמעקסט

דו, וואָס שמעקסט מיט מײַען
און וואָס קושט עקזאַלטיק,
האָב מיך ליב אין דרײַען,
ווײַל כ׳בין דרײַ־געשטאַלטיק.

אין מײַן בלויען אומעט,
שאָטנדיק, באַהאַלטן,
דרייען זיך אַרומעט
תּמיד דרײַ געשטאַלטן,

אַ בעל־משל קלוגער,
אַ פּאָעט אין טרערן
און אַ קליינטשיק ייִנגל,
וואָס קאָן אַלט ניט ווערן.

יעדערער באַזונדער
רעדט נאָר זײַנס אַ דיבור,
איז עס דען אַ וווּנדער
אַז דו שרעקסט זיך איבער?

דער באַדאַרף אַ שוועסטער,
דער — אַ פרוי אין פלאַמען,
און דאָס קליינע ייִנגל
דאַרף נאָך אַלץ אַ מאַמען.

דו, וואָס שמעקסט מיט מײַען,
דו, וואָס בריסט ווי פלאַמען,
האָב מיך ליב אין דרײַען,
זײַ מיר אַלץ צוזאַמען.

בין איך ווידער יונג

בין איך ווידער יונג געוואָרן
מיט אַ קאָפּ האַלב־גרויע האָר?

קוש איך דיך אין דעם זכּרון,
צי איך קוש דיך אויף דער וואָר?

שטערן, דימענטענע שטערן,
ביימער, אַ לבנה, רו.

אפשר קאָן מען טאַקע ווערן
ייִנגער לעם אַ פרוי, ווי דו?

פֿײַערפֿליגן אומעטומען
צינדן אָן אַ מאָדנעם ווונטש,
גרינע גראָזן, רויטע בלומען
האָבן שטאַרק פֿאַרשיכּורט אונדז

אין אַ יוני־נאַכט, אין גאָרטן,
אויף אַ שאָטנדיקער באַנק.

פֿון דעם הימל אויסגעקלאָרטן
פֿאַלן שטערן — אַ געשאַנק —
פֿאַר אַ פּאָרל, אַ צעדרייטן,
וואָס פֿאַרגעסן אַלץ אין גלי.

ליבער בוים, אַ שאָטן שפּרייט ער
צו באַהאַלטן אונדז פֿון די,

וועלכע קוקן אָן פֿאַרוווּנדערט
אַ משונהדיקע פּאָר,
וואָס זיי זיצן אָפּגעזונדערט
און פֿאַרגעסן גרויע האָר.

גרויע האָר און טיפֿע קנייטשן
און אַ האַרץ און טרערן נאַס.

ליפּן מאָנען, פינגער רייצן,
איז עס ניט קיין משוגעת?

גרינע אויגן, ברוינע אויגן,
צינדן, וויגן זיך אין פלאַם,

זײַנען ווי אַוועקגעפלויגן
יעדער שראַם פון שרעק און סם!

ס'ווערט די נאַכט אַלץ שפּעטער,
אויסגעליידיקט שווײַגט דער פּאַרק,
בלויז די ביימער וויגן בלעטער,
און דײַן אָרעם וויגט מײַן קאַרק.

עס באַהאַלט זיך די לבנה
הינטער וואָלקנדלעך, אַווו,
מיט דײַן גלעטנדיקער דלאָניע
דעק איך אַלע ספקות צו.

דאַרף מען וויינען?

דער ניכטערער סאַבען
אַ שכּורע ליד
פון איינעם אַ דיכטער,
וואָס שיכּורט שוין ניט,

ביי טאָג שרייבט ער גראַמען
פון שיכּורע נעכט,
און פלעכט עס צוזאַמען
ביז וואַן עס ווערט עכט.

מען דאַרף ניט וויינען
צו ווערן שיכּור,
אַ בלויע נאַכט —
אַ שטערן־פליקער —
און דו, מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכט,
זינגסט עפּעס וואָס בשתיקה,
מען דאַרף ניט וויינען
צו ווערן שיכּור.

די ליפּן דיינע
זויגן אויס דעם פּיין פון מיינע
און דיינע אָרעמס
פירן מיך אַריין
אין חלום־לאַנד,
ווו כ'בלאָנדזשע
אָן צוריקקער.
מען דאַרף ניט וויינען
צו ווערן שיכּור.

אַזאַ מין נאַכט
געווען איז נעכטן,
אַ נאַכט פון שיכּורע
געפלעכטן,
ווו גלידער, בויגיקע
ווי צווייגן,

צעשאָקלט האָבן זיך
אין שווײַגן,

און דעם ווינטס
מינאָרער ניגון
האָט אין אונדז
גענומען וויגן
עפּעס ווילס
און עפּעס שיינס,
ווי אַ שניי־ווײַס פעלד
מיט גריקע.
דאַרף מען ווײַן צו ווערן שיכּור?

ס׳לעבט אין מײַן שוויַיגן

ס׳לעבט אין מײַן שווײַגן אַ הייסער ווולקאַן,
פול מיט צעזאָטענעם פײַער און לאַווע.
כ׳יאָג דיך אַזוי ווי אין הונגער אַ מאַן,
אָבער איך בין דיר אַן עלטערער חבר.

עפּעס אַ נסתּר, צעוועקט אין מײַן טיף,
בינדט מיר די אָרעמס מיט נעצן, מיט שטאַרקע.
גיי איך אַרום — אַ פֿאַרזיגלטער בריוו
אָן אַ געשריבענעם אַדרעס און מאַרקע.

וואָלט איך דערזען כאָטש בײַ דיר אין געזיכט
און אין די אויגן פֿון ליבשאַפֿט אַ צייכן,
וואָלט איך מיט פֿינגער — צעצונדענע ליכט —
פֿלאַמיק צעצונדן דײַן קערפּער דעם בלייכן.

און וואָלט פֿאַרפֿלאָכטן דיך אין די הענט,
פֿול מיט צעפֿײַערטער מורא און העזה,
פּונקט ווי אַ דעמב, פֿון דער האַרבסטזון צעברענט,
פֿלעכט צו זײַן שטאַם צו אַ ווײַסער בעריאָזע.

אָבער דער נסתּר דער קלוגער אין מיר
רעדט בײַ דער נאַכט צו מיר: „נאַרישער טרוימער!
וואָס זשע פֿאַרגלײַכסטו ,פֿאַרשלאָסענער בריוו׳,
זיך און אַ מיידל צו וואַלדיקעביימער?״

ביימער, זיי וואַקסן אַ זײַל לעם אַ זײַל,
צווײַגן אויף תּמיד פֿאַרפֿלאָכטן ווי גלידער,
מענטשן, זיי פֿלעכטן זיך אויף אויף אַ ווײַל,
פֿלעכטן זיך אָפּ און צעגייען זיך ווידער.

גאָלדענע אוירינגלעך

גאָלדענע אוירינגלעך פֿאַר דײַנע אויערן,
גאָלדענע ווערטער אין האַרץ — פֿאַר דיר גרייט.
וויפֿל מײַן לעבן לעם דיר וועט געדויערן,
זאָל אונדז באַשערט זײַן צו גיין זאַלבעצווייט!

ווו נאָר די צײַט וועט באַווערן אונדז וואַנדערן,
איבער אַ ים, צי אַריבער אַן ערד,
זאָלן מיר, אָנגעלענט איינער אָן אַנדערן,
גיין פֿון דער אייגענער ליבשאַפֿט גענערט.

נאָך אַ יאָר לאָזט אונדז זכרונות געפּײַנערטע,
פּונקט ווי אַ שטערן, וואָס שײַנט נאָכן טויט.
פֿישופּט מיך אויסעט, פֿאַרברוינטע ציגײַנערטע!
נאָך אַ יאָר פֿרייד אין מײַן לעבן וואָס גרויט.

איבער אַ יאָר וועל איך ווידער גינגאָלדענע
צירונג דיר שענקען מיט ליבשאַפֿט, געוויס!
און פֿונעם האַרץ וועלן ווערטער געמאָלדענע
שטיל זיך אַוועקלייגן בײַ דײַנע פֿיס.

אַ ליד פאַר סאַבען

מיר געבראַכט אַ פּרילינגווינט
האָט זעקס טינטערלעך קאָלירן,
כ'זאָל מיט פאַרב, קאָליר און טינט
ווערטער יִידישע באַצירן.

טינטערלעך פון ראָזן צעדער,
אָנגעפּילט מיט שאַפּונגסוויי —
אַ מתּנה פאַר מײַן פעדער
זי זאָל טובלען זיך אין זיי.

טונק איך יעדן טאָג מײַן פען
אין אַ טינטערל, אַ צווייטן,
מײַנע ווערטער זאָל מען זען
זעקס־קאָליריקע, ווי קווייטן.

יעדער טאָג האָט זײַנע פאַרבן,
איין טאָג רויט, דער צווייטער געל.
לידער שטעל איך אויס, ווי גאַרבן,
אויסגעצײַטיקט בײַ מײַן שוועל.

מיטוואָך, דאָנערשטיק און פרײַטיק,
יעדער טינטער האָט זײַן ליד
זיבן־פאַרביק און זעקסזײַטיק,
אין קאָליר פון מײַן געמיט.

אָבער שבת, אַלע שבת
וויל איך ניט קיין טינטער זען,
ווײַל ווען כ'שרײַב די לידער סאַבעס,
טונק איך אײַן אין האַרץ די פען.

נאָך אַ יאָר

סאַבען

שוין צוויי יאָר אַוועקגעלאָפן
אַזוי גיך,
דאַכט זיך, אָקאָרשט אָנגעטראָפן
האָט מען זיך.
דאַכט זיך, נעכטן כ'בין געבליבן
פאַר דיר שטיין,
פאַר דײַן שמייכל פאַר דײַן ליבן,
פאַר דײַן חן.

כ'האָב פאַרקוקט זיך ווי פאַרוווּנדערט
אין דײַן בליק
און דערזען, אַ ברוינע זון דאָרט,
שײַנענדיק.

שוין צוויי יאָר אַוועקגעגאַנגען,
ווי אַ מיף,
נאָר די זון איז ניט פאַרגאַנגען
אין דײַן טיף,
גאָלדיק שײַנט זי, אַ צעשטראַלטע,
מײַן פאַרמעג,
און זי וואַרעמט מײַנע קאַלטע
ווינטערטעג.

יעדן פרי, ווען דײַנע פינגער
גלעטן אויס
מײַנע קנייטשן, ווער איך ייִנגער,
ווער איך גרויס.
כ'שפיר דײַן ליבשאַפט, כ'פיל דײַן טרײַשאַפט
אין געמיט
און איך הער ווי אויף דאָס נײַ שאַפט
זיך מײַן ליד.

דאַנק איך דיר אין מײַנע שקיעות,
שטילערהייט,
מיט צוויי טרערן אויף די וויִעס,
פאַר דער פרייד
וואָס דו טראָגסט אין דײַנע דלאָניעס
פאַר מײַן זײַן —
צוויי צעשמייכלטע מתּנות,
פול מיט שײַן.

טאָראָנטע, אָקטאָבער 18, 1978

מײַנע טעג

מײַנע טעג און שעהען —
פול מיט דראַנג און הונגער
מיט אַ קאָפּ אַ גראָען
או אַ זעל אַ יונגער,

מיט אַ קאָפּ אַ גראָען
און צעברויזטע בלוטן —
אַלע װאַכע שעהען
פירן זײ דיספוטן.

ס׳האָט דער האַרבסט פּיאָלעטער
מיט אַ פּענדזל רויטן
אָפּגעמאָלט די בלעטער
פון מײַן קאָפּ צעגרויטן.

און דער װינט, דער גיכער
רײַסט זײ פון מײַן שאַרבן,
און זײ פאַלן זיכער
צום פאַרגײן אין פאַרבן.

נאָר דאָס האַרץ אין טרערן,
פול מיט פלי און פילונג,
װי אין בײט אַ קערן
חלומט נאָך פון פרילינג,

פון בעריאָזקעס װײַסע
מיט צעראָזטע שענקלען,
נאָך אַ ליבע־מעשה
טוט מײַן האַרץ נאָך בענקען.

אויף מײַן קאָפּ דעם גראָען,
קנײטשן זיך די ברעמען,
נאָר מײַן האַרצס שגעון
װילן זײ פאַרשעמען.

נאָר דאָס האַרץ אין טרערן,
פול מיט פּלי און פּילונג,
ווי אין בייט אַ קערן,
חלומט אַלץ פון פרילינג.

ניט דערדעדט

די אויגן דײַנע ריידן שוואַרצן פײַער,
די ליפּן שמייכלען פּערל אויס אַ טוץ,
דײַן לײַב איז אַ סוף־זומערדיקער שײַער,
אָנגעפּאַקט מיט אַל דאָס גוטס.

דו שמעקסט ווי אָפּגעלייגטע ווינטער־עפּל,
כאָטש בײַס זיך אײַן אין זיי מיט אַלע ציין.
כ׳וויל אויסזויגן דעם ניט דערזאָגטן פּרעפּל
פון זומער, וועלכער וויל נאָך ניט פאַרגיין.

נאָר כ׳שטיי און וואַרט, דערשטיקנדיק די גאַרונג,
וואָס האָט אין בלוט צעצונדן אַ פּאָנאַר.
נאָר צו פיל האָב איך אָפּגעשפּאָרט דערפאַרונג,
עס זאָל אַ שעה מיך מאַכן פאַר אַ נאַר.

דו, וואָס ביסט

דו, וואָס דו ביסט פון האַרץ דײַנס ייִנגער,
מיט קאַפּריזן אַלערליי,
גלעט אויס מײַן שטערן מיט די פינגער,
ווײַל ס'טוט מיר עפּעס זייער וויי.

אַ וואָרט דײַנס האָט מײַן האַרץ פאַרשטאָכן,
אַ וואָרט, אַ גלייַקס ווי דער זשאַר.
איצט ליגט דאָרט אונטער גרינע מאָכן
די רויטע פּאָזעמקע פון צער.

אַ מאָדנער יחיד איז אַ דיכטער,
ער מײַנט חלומות זײַנען וואָר,
און ווען ער ווערט פון חלום ניכטער,
דערזעט ער אַז ער חלומט נאָר.

גלעט אויס די קנייטשן אויף מײַן שטערן,
כ'זאָל קאָנען מיך און דיך פאַרשטיין.
פאַרשטיינטע, ליגן אין מיר טרערן,
איז צײַט זיי זאָלן שוין צעגיין.

דער פרוי מיט די טונקעלע אויגן

די פרוי מיט די טונקעלע אויגן,
איז שיין, ווי אַ האַרבסטבוים פאַר נאַכט,
עס האָבן, אויף צווײַגן, געבויגן,
די פייגל די נעסטן פאַרמאַכט.

און אַלץ איז געוואָרן אַנטשוויגן —
די זון און דער ווינט און דער רוף.
עס איז נאָר געבליבן דער ניגון
פון נעכטן בײַ איר אינעם גוף.

האָט ווער עס פון איר אויסגעזויגן
דאָס פײַער פון לעבן און לוסט?
איך קוק איר אַרײַן אין די אויגן
און זע דאָרט, ווי זי וואָלט געמוזט

לעם זײַט מײַנעם זיצן אַנטשוויגן,
צעשמייכלט, פאַרפוצט און פאַרקעמט,
פאַרהאָרכט אין דעם נעכטיקן ניגון,
ווי ס'וואָלט איר דער הײַנט געווען פרעמד.

איך זיץ לעבן איר אַ געזונטער
און פרוּוו זי אַ גלעט טאָן פאַרשײַט.
נאָר זי לאָזט די אויגן אַרונטער
און רוקט זיך אַוועק פון מײַן זײַט.

עס האָט זיך אין מיר אויסגעלאָשן
אַ פונקעלע, טײַער ווי גאָלד,
האָסט שענקען אַ קופּערנעם גראָשן
מײַן מענערשן שטאָלץ ניט געוואָלט.

עס האָט זיך מײַן קאָפּ אײַנגעבויגן
און ס'האָבן די ליפּן גערעדט:
— „אַ, פרוי מיט די טונקעלע אויגן,
זײַט מוחל אַ נאַר, אַ פּאָעט!“

אַ ליבשאַפט איז פאַרשווּנדן

— ס׳איז פרײַנדשאַפט מער ווי ליבשאַפט,
האָט עמעצער באַטאָנט,
ווײַל ליבשאַפט איז פאַרגיבשאַפט
און פרײַנדשאַפט גיט און מאָנט,

ווײַל ליבשאַפט קומט אָן בלענדיק,
פאַרכישופט און פאַרגייט,
נאָר פרײַנדשאַפט בלײַבט אויף שטענדיק,
אַפילו נאָכן טויט.

די ליבשאַפט גליט אָן פלאַמען
און ס׳איז אַ גרויסער זכות,
ווען לײַבער צוויי צוזאַמען
דערפילן דעם געַנוס,

נאָר אויב אַ גלעט פון צווייטן
איז שוין ניט מער קיין ווּנטש,
זאָל בעסער שוין ניט ווי טאָן
דער גט צעווישן אונדז.

פאַרגעסן לאָמיר ווּנדן,
און נישטיקייטן הײַנט.
די ליבשאַפט איז פאַרשווּנדן,
טאָ לאָמיר בלײַבן פרײַנד.

אַ פרוי

אַ פרוי איז אַן איידעלע פידל,
געמאַכט פון אַ מײַסטער ניט־היגן.
עס שלאָפט אין איר דמיון פאַרכּישופט
דער שענסטער ציגיינערישער ניגון.

ווער ס'קוקט איר אַרײַן אין די אויגן,
דערזעט דאָרט אויף דנאָען און דעקן,
די בענקשאַפט נאָך צערטלעכע פינגער,
וואָס זאָלן דעם ניגון צעוועקן.

און ווייל איז דעם מאַן, וואָס קאָן שפּילן
און ליבט זיך אין לידער און זמרים,
וואָס קאָן, ווי אַ פידל, צעוויגן
אַ פרוי אין געבויג פון זײַן אָרעם,

וואָס נייגט צו איר האַרץ צו זײַן אויער
און לאָזט זײַנע פינגער געפינען
דעם ריכטיקסטן טאָן פון איר תּוכן,
דאָס ליד פון איר בלוט און איר זינען.

זײַן שׂכר איז אַן איידעלער פידל,
געמאַכט פון אַ מײַסטער ניט־היגן,
עס ליגט אין איר דימיון פאַרכּישופט
דער שענסטער ציגײַנערשער ניגון.

נאָר ווײי איז צו דעם, וואָס גייט אומעט
אין לעבן מיט פויסטן צעראַצטע,
אַ פרוי איז בײַ אים אין די אָרעמס,
אַ פידל מיט סטרונעס געפּלאַצטע.

עס ווערט דער ציגײַנערשער ניגון
בײַ איר אין די בלוטן אַלץ שטומער,
און ס'בלוטיקט איר גאָלדענע ליבשאַפט
אַזוי ווי אַ בוים אין סוף־זומער.

טאָראָנטאָ, אַפּריל 1971

אַש

וואָס זשע איז געבליבן
נאָך דער פרייד פון ליבן,
נאָכן גלוט פון פלאַם ?
שוואַרצע ווערטער זיבן,
שטילערהייט פאַרשריבן
מיט אַ ביסל סם.

אַלץ וואָס האָט געזונגען
און מײַן בלוט פאַרקלונגען
איז געבליבן דאָרט,
ווי דאָס אַש פון פײַער,
ווי אַ שטריך פון בלײַער
אויף דעם לעצטן וואָרט.

אַ וועג

אַהין דער וועג געווען איז זוניק,
אַ בלאָנדער פּרי האָט זיך צעגרינט,
און אויף דער זון האָט זיבנסטרוניק
געשפּילט אַ שמייכלענדיקער ווינט.

דער וועג געווען איז אַ מגילה,
פֿאַרקריצט מיט לידער און מיט רייד,
און צווישן וועלדער, טונקל־ליליע
האָט זיך געדרייט דער וועג צו פֿרייד.

צוריק דער וועג געווען איז טונקל,
מיט שוואַרצע שאָטנס אומעטום.
און ס'האָט די זון, ווי אַ פֿורונקל,
געבלוטיקט אינעם הימל קרום.

אַ טאָג האָט שטעכעדיקע דראָטן
צעווישן אונדז אַוועקגעשטעלט
און מיט אַן אָוונטיקן שאָטן
פֿאַרדעקט די פֿרייד, וואָס האָט געהעלט.

הײַנט קאָן איך ניט אויף ס'נײַ פֿאַרשפּינען
דעם בלוטנדיקן ריס אין האַרץ.
אַזאַ צעלויכטענער באַגינען,
און אַזאַ נאַכט פֿון חושך שוואַרץ!

אַ שפּיגעלע

איך האָב אין האַרץ אַ שפּיגעלע געטראָגן —
אַ שפּיגעלע פּאַר שיינקייט און פּאַר ציר.
כ'האָב דאָרט געזען די זריחה אין פּאַרטאָגן
די בלימעלעך אין טויען אויסגעצוואָגן
און דיך.

אַ טאָג האָט זיך פּאַרנעפּלט אינעם זומער
און האָט פּאַרהויכט דאָס שפּיגעלע אין האַרץ,
איך בין געזעסן ווי אַ שטיין אַ שטומער,
ביז ס'האָט דער טאָג, פּאַרוואָלקנטער אַרום מיר,
דערטרונקען זיך אין נאַכט, וואָס האָט געשוואַרצט.

אויף מאָרגן האָט דײַן קול מיר אָנגעקלונגען,
געפרעגט מיך פון מײַן שווײַגן דעם פּאַרוואָס?
איך האָב מיט האַלבע ווערטער, ניט געלונגען,
געפּרוּווט דיר צו דערקלערן ווי געצוווּנגען,
מײַן ייִנגלשן ראָמאַנטישן פּאַרדראָס.

כ'האָב זיך געשעמט מיט גרויע האָר דיר זאָגן,
אַז ס'האָט מײַן האַרץ געמאַטערט נאָר אַ שטות.
האָב איך דערציילט, אַז ס'האָט גענומען נאָגן
אַ פלוצעמדיקער ווייטיק אין אַ פוס.

האָסטו פּאַרהויבן דײַנע שוואַרצע ברעמען
און מיך געפרעגט, האַלב לאַכנדיק, צום שלוס:
— צי האָסט געדאַרפט מיך אין די אָרעמס נעמען
און אויסגלעטן דעם ווייטיק אין מײַן פוס?

כ'האָב גאָרניט נישט געענטפערט, נאָר פּאַרשטאָכן
האָט זיך מײַן האַרץ אין שפּריצעלעך פון גלאָז,
אַ שפּיגעלע האָט זיך אין האַרץ צעבראָכן.

ס'איז אמת, כ'האָב דאָס האַרץ פּאַרשטאָכן,
נאָר אויסגעהיילט זיך האָב איך פון פּאַרדראָס.

אַ שאָטן

ס'איז דאָ אַ טראַכטן וואָס איז קראַנק,
ס'איז שווער עס אויסצוהיילן.
אַ יעדער קרענקלעכער געדאַנק
קומט עפּעס וואָס דערציילן.

ער קלאַפּט בײַ נאַכט אָן אין דײַן טיר,
אין האַלבן בין השמשות
און מאָלט אַ מעשׂה אויס פֿאַר דיר,
וואָס האָט ניט קיין ממשות.

עס זײַנען אינעם מענטשן דאָ
ניט אויסגעקערטע שטויבן,
אַ שטויב קלעפּט צו זיך צו זײַן דנאָ
און ער איז גרייט צו גלויבן

אַיעדער לשון הרע אַ בייז וואָרט,
אַיעדע בייז רכילות
און נאַרישקייטן יעדן סאָרט,
ווײַל עפּעס אין אים וויל עס.

דער מענטש ווערט איבערזאַט פֿון רו,
אַפֿילו פֿרייד דערעסט אים,
איז זוכט ער אויס פֿון ערגעץ־ווו
אַ חשד וואָס קוועלט און עסט אים.

ער פּײַניקט זיך און מאַטערט זיך
מיט ספֿקות און פֿאַרדאַכטן,
ער מאַכט זיך קראַנק, ער פּטרט זיך
און הערט ניט אויף צו טראַכטן.

אַזוי מיט מיר אויך מן הסתם,
נאָר נאַרישקייטן שפּין איך.
דער קאָפּ רעדט זין, דאָס בלוט זייט סם
און איך, אין מיטן בין איך.

צו ליכטיק איז מײַן לעבן איצט,
צו גוט און צו געראָטן,
טוט עפּעס וואָס אין מיר אַ קריץ
און ס'כאַפּט זיך אויף אַ שאָטן.

מאָדנע

מאָדנע, מאָדנע, מאָדנע
ווי דו ביסט אַזוי.
אָט־אָ! ביסטו זומער —
אָט־אָ ווערסטו שניי.

אָט־אָ שמעקט דײַן שמייכל,
ווי אַ ווילדע בלום.
אָט־אָ ווערסטו פּלוצעם
ווי מײַן באָבע פרום.

כ׳קאָן עס ניט באַנעמען,
איז עס אַזאַ שפּיל?
האָט עס אַ כּוונה,
פירט עס צו אַ ציל,

אָדער ס׳איז אַ פֿאַסטקע
פון אַ קלוגער פרוי?
זיך אויף צו להכעיס
ווער איך אויך אַזוי...

אָט־אָ אין אַ ווינקל
זיץ איך שטומערהייט,
אָט באַפאַלט מיר פּלוצעם
אַזאַ מאָדנע פרייד

מײַנע ליפּן נעמען
ריידן רייד פון מאַרק,
רייד, וואָס ווען שפּעטער
מיר פאַרדריסן שטאַרק.

כ׳ווייס עס איז ניט פּיקחיש
און עס האָט קיין זין,
כ׳ווייס איך קאָן ניט ווערן
אַנדערש ווי איך בין,

אָבער אויף צו להכעיס
עפּעס אין דער שטיל
שפּילן מיר זיך ביידע
אין אַ מאָדנער שפּיל.

רייד

דאַרף מען זיך מיט רייד דערקלערן
איז ניט גוט, איז ניט גוט.
זאָגן דאַרף דער בליק אין טרערן,
ריידן דאַרפן די באַגערן,
וועלכע שימערן אין בלוט.

ווערטער זײַנען אָפט ליגונים,
אַ פאַרדעק, אַ פאַרדעק
פאַר באַהאַלטענע ניגונים,
וועלכע גלימערן אין ברונעם
אויפן דעק, אויפן דעק.

פרעג מיך ניט! איך וועל ניט ריידן,
לאָמיר זיצן שטילערהייט...
אויב דו קאָנסט ניט אונטערשיידן
און מײַן שווײַגן ניט באַשיידן,
וואָס זשע וועלן העלפן רייד?

חרטה

זיך פאַרלאָשן האָבן פאַקלען,
אויסגעברענט האָט זייער ליכט.
בלויז צוויי טרערן, ווי סך־הכּלען,
גלימערן אויף איר געזיכט,

און די ליפּן די פאַרטרערטע,
ווי צוויי פלאַמענדיקע שניר,
חזרן די לעצטע ווערטער,
וואָס געלאָזט ר׳האָט ביַי דער טיר:

וועסט פאַרשטיין און וועסט פאַרגעבן,
ווען באַנעמען וועסט מיַין זאָג:
כ׳בין דיר טריַי געווען אַ לעבן
דו — אַפילו ניט קיין טאָג.

ווי לאַנג קאָן אַן אָפּגענאַרטער
ליבן די וואָס נאַרט אים אָפּ?
אויך אַ רויז אַ יונג־פאַרדאַרטע
פאַלט פון רויזנקוסט אַראָפּ.

טרערן צוויי אויף שוואַרצע וויִעס,
פול חרטה און געבעט...
ס׳איז דער נעכטן איר שוין מיאוס,
נאָר דער היַינט איז שוין צו שפּעט.

זיך פאַרלאָשן האָבן פאַקלען,
אויסגעברענט האָט זייער ליכט,
בלויז צוויי טרערן, ווי סך־הכּלען,
גלימערן אויף איר געזיכט.

אינהאַלט

ניט דערזאָגט 5

אין שאָטן פון נעכטן

הייליק 9
ווײַסע טויבן 12
שלאָפלאָז 14
אַ ניגון 16
אַ תחינה 18
יאָרצײַט־ליכט פון טרויער 19
פופציק יאָר יונג־ווילנע 20
קדיש 22
רויט 23
אין לוביאַנקע 25

ווערטערשאַף

אַ ליד צו זיך 29
אַ ליד 30
אַלץ 31
טאַקע 33
ווערטער 34
צו זיך 35
אונטער דער פען 36
ווער זאָגט מיר אונטער 37
איך רייד צו זיך 39
איך בין 41
מאַנגעריש 42
אַ פרי 43
זינגען זאַנגען 44
מיטוואָך 46
מיר פּאָעטן 47
פּאָעטן 48
דו האָסט מיך פאַרכּישופט 49
אַ דאַנק 50
איך וויל ניט זײַן... 52
כ'האָב אויפגעהערט... 53
שקיעה־בלוט 54
וואָס זינגט אין מיר? 56
צו אַ חבר 58
אַ, ביטער 60
פלאַטער ליד מײַנס 62
איך מאָל 64

מײַן טאַטנס ליד 65
ברום אַ ניגון 66
איך 67
חלום־שפּראַצן 68
דאָס וואָרט 69
אַלץ איז ייִדיש 71
לחיים ! 73

שאַפערס

דרײַ שרײַבערס 77
שלום־עליכם 80
קולבאַק 82
איציק מאַנגער 84
זיידע רב מענדעלע 86
אַ מלך פון ליד 88
יזכּור 89
וואָגלער 91
חיים גראַדע 94
מיר ווערן עלטער 96
פון יאָר צו יאָר 99
חבר מײַנער, איוב 102
אַ גרויסער מענטש איז ווי אַ שטערן 104
דאָס געסל פון זיבן פּאָעטן 106

פון מײַן אייגנס

מײַן מאַמע 115
איך בענק 117
מײַן טאַטנס ניגון 119
ייִנגל מײַנס 120
טאָכטער מײַנע 121
מײַן לשון 122
ניט אַלץ 123
וואָר און חלום 124
אַ מזמור צו ענװות 126
רייד 127
על־טא שחטאנו בײדיש 128
שעפּ אָן 130
נאָ, וועלט 131
שלום פּאָנעץ 132
אויף יעקבס לייטער 133
דערציילן ניט קיינעם 135
אוועק 136
פּאַר וואָס 137
אַלץ ליגט שווײַגנדיק 138
קאַלירן 140
וואָס זידלסטו אונדז, וועלט 142

וועלכער חכם 144
איך בין אַ סילועט 145
ס׳פאַלן שטערן 146

די שטילקייט רעדט

די שטילקייט רעדט 149
אַ, גאָט, האָב רחמנות 150
חלום אויס 152
אַ סוד 153
אַ תּפילה 154
לערן מיך 155
האָר פון אַלע וועלטן 156
שטערן־טרערן 157
וויינענדיקע נעכט 158
מײַן גאָט 159
עמעץ 160
וואָס איז 161
שקיעהדיק 162
בײַ נאַכט 163
לאָמיר צעוויינען אַ זמרל 165
לאָמיר זינגען 166
בלוט און טרערן 167

גרינע לידער

ערב טאָגן 171
אַ פרימאָרגן 172
פרילינג 173
אַ זון־טאָג באַגינען 174
וואָס איז דאָס ? 176
פרילינג־פרי 177
בלומען אויסגעוואַשענע 178
טראָפּנטאַנץ 179
פרילינגדיקע אָוונטן 180
טאָג און נאַכט 181
אפשר 183
אַ נסתּר 185
די זונבלום 186
טעג 188
אַ בײַטעלע 189
וואָלקנשפּיל 191
רעגנגאַס 192
אַ נאַקעטע זון 194
זון, ים, ווינט 196
ים און הימל 198
דער ווינט 200
אַ בוים אויפן דאַך 202

די ראָקיס 204
האַרבסט 210
האַרבסטיק 212
איך האָב ליב 213
אַלע ביימער 214
בלומען שטאַרבן 215
עס שווײַגן 216
שניי 217
מערציקע שנייען 219
אַ ווײַסע מעשה 221
סקילויף 222
מוזיק 225
אַ סימפּאָניע 226

שיר השירים

אַ פראַגע 229
אין פּאַרק 230
דו 231
אין קינאָזאַל 232
מיך שרעקט 233
אַלץ מײַן אייגנס 234
צי איז עס וואָר ? 235
אין דרײַען 236
איך האָב אַ שטאָלץ 237
צינד מיך אָן 238
איינס און איינס איז צוויי 240
דו וואָס שמעקסט 242
בין איך ווידער יונג 243
דאַרף מען ווײַן ? 245
ס׳לעבט אין מײַן שווײַגן 247
גאָלדענע אוירינגלעך 248
אַ ליד פאַר סאָבען 249
נאָך אַ יאָר 250
מײַנע טעג 252
גיט דערערעדט 254
דו, וואָס ביסט 255
דער פרוי מיט די טונקעלע אויגן 256
אַ ליבשאַפט איז פאַרשוואונדן 257
אַ פרוי 258
אַש 259
אַ וועג 260
אַ שפּיגעלע 261
אַ שאָטן 262
מאָדנע 264
רייד 266
חרטה 267